יודען בעדענקט! דער קאַמף געגען רדיפות אויף יודען אין דייטשלאַנד — דויערט

NAJER FOLKSBLAT
Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

פרייז 15 גראָשען

... זייטען

... ייער פאָלקסבלאַט

№ 98 | Łódź, Wtorek, 28 kwietnia 1936 | אַדרעס: לאָדז, פעטריקאָווער 21 טעל. 224-71 Adres: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. Skrz. poczt. 106. | לאָדז, דינסטאָג, פ' אח"ס ו' אייר תרצ"ו

...ווערק פון דער דעוויזען=קאָנטראָלע
ווידערשטאַנד געגען דעם אַפפלוס פון קאַפּיטאַלען

וואַרשאַ, 27 (טעלעפאָניש)
...ך פערקעהר פון צאָהל־מיטלען, ווערט לויט די ...תנס אַרויסגעגעבענע פעראָרדענונגען פאַר־ ...ן בלויז אין דער „באַנק פּאָלסקי" און אין די ...אונטערבעהמונגען, וועלכע דער מיניסטער ...ערטיילען ספּעציעלע בעפולמעכטיגונגען (ד־ ...רבענק).
...היינט איז אין „מאָניטאָר פּאָלסקי" פערעפענט־ ...געוואָרען די ערשטע ליסטע פון די ..., וואָס זענען בערעכטיגט צו זיין דעוויזען־ ...אין דער דאָזיגער ליסטע פיגורירען: „באַנק ...האַנדלאָוי", „באַנק קראַיאָוועגאָ", פּאַנסטוואָווי באַנק ...", „פ. ק. אָ." „וואַרשאָווער דיסקאָנטאָ־באַנק", ...בנויזיש־פּוילישע באַנק", „וואַרשאָווער האַנ־ ...דעלסבאַנק", „באַנק פון קאָאָפּעראַטיוו־געזעל־ ...שאַפטען", „באַנק זאַכאָדני", „פּאָוושעכני באַנק קרע־ ...דיטאָווי", פּאָוושעכני באַנק זוויאָנזקאָווי", „באַנק ...", „באַנק ספּולעק זאַראָבקאָוויך", ...דער דעפּאָזיטען־באַנק, אָפּטיילונג אין וואַרשאָ", ...ישעווסקי׳ס באַנק א. א.
וואַרשאָ, 27 (טעלעפאָניש)
...די בעשטימטע דעוויזען־קאָמיסיע האָט אָנגע־ ...ן איהרע אַרבייטען אין דע... פון באַנק פּאָלסקי". פּאָרזיצער פון דער דאָזיגער קאָמיסיע איז דער דעפּאַרטאַמענט־דירעקטאָר פאַר געלד־פער־קעהר, וולאַדזשימיעזש באַטשינסקי.

די דאָזיגע דעוויזען־קאָמיסיע איז בעפולמעכ־טיגט צו ערטיילען דערלויבענישען אויף אויסצו־פיהרען אַ טעטיגקייט, וואָס איז פערבאָטען, אָדער בעגרענעצט דורכ'ן דעקרעט.

די ביטעס, וואָס ווערען אַריינגעטראָגען אין דער קאָמיסיע זענען פריי פון אָפּצאָהלען.

וואַרשאַ, 27 (טעלעפאָניש)
היינט איז אין „באַנק פּאָלסקי" פאָרגעקומען א פערזאַמלונג פון די דירעקטאָרען פון די דעוויזען־בענק, וועלכע האָבען זייער זיץ־אָרט אין וואַרשאַ.

נאָכדעם ווי די זיצונג איז געעפענט געוואָרען דורכ'ן קאָמיסיע־פאָרזיצער, דיר. באַטשינסקי, האָט גענומען אַ וואָרט דער הויפּט־דירעקטאָר פון דער „באַנק פּאָלסקי", ר"ר לעאָן באַראַנסקי, וועלכער האָט אין אַלגעמיינע שטריכען געשילדערט די גע־נויע פונם דעוויזען־דעקרעט, און דערביי אונטערגע־שטראָכען, אַז די כוונה פונם דעוויזען־דעק־רעט וועלכער האָט אַן איבערגאַנגס־כאַראַקטער, איז געצילט דער עיקר אין סטאַביליזאַציע און דעם אָפּפלוס פון קאַפּיטאַלען. ער בעצוועקט אָבער נישט דאָס בעשווערען צו רעאַליזירען די בע־גרינדעטע הצטרכותן פונם ווירטשאַפט ליכען לעבען.

די אַרומגעפיהרטע דיסקוסיע, אין וועלכער עס האָבען זיך בעטייליגט: וו. פּאַיאַנס, מ. שערעשעווסקי און הייליפּערן, האָט אַרויסגעוויזען דעם פול־שטענדיגען איינקלאַנג מיט די אָנשויאונגען אין דער צוזאַמענאַרבייט פונם פּוילישען באַנק־וועזען מיט דער קאָמיסיע — אינסטיטוציע — אין אַלע פּראָב־לעמען, וואָס קאָנען אַרויסשווימען אין שייכות מיט'ן איינפיהרען פון דער קאָנטראָלע איבערן דעוויזען־פערקעהר.

וואַרשאַ, 27 (טעלעפאָניש)
אין די יודישע קרייזען האָט געמאַכט א זעהר שטאַרקען רושם די פעראָרדנונג וועגען דער דעווי־זען־בעגרענעצונג.

עס האַנדעלט זיך וועגען דעם, אַז א ריה זעהר וויכטיגע פּרטים זענען אין דער פעראָרדנונג נישט קלאָר. ווי א שטייגער די פראַגע וועגען מיטנעה־מען דאָס נויטיגע געלד קיין פּאַלעסטינאַ ובפרט דורך די, וואָס פאָהרען אהין אלס קאַפּיטאַליסטען, ווי שיקען געלד־שטיצע פאַר נויטבעדערפטיגע אָרי־מע קרובים א. אַז. וו.

וועגען די דאָזיגע ענינים זאָלען פאָרקומען קאָנ־פערענצען מיט דעצידירענדע פינאַנץ־פאַקטאָרן.

דער אַפּעלאַציע-פּראָצעס
פון די בעשולדיגטע אין פּיעראַצקי-מאָרד

וואַרשאַ, 27 (טעלעפאָניש)
דאָס אַפּעלאַציע־געריכט איז היינט צוגעטרעטען צו רעווידירען דעם פּראָצעס פון די אוקראַינער, וואָס זענען פערמשפּט געוואָרען דורכ'ן וואַרשאָווער קרייז־געריכט, אלס בעשולדיגטע אינם פּיעראַצקי־מאָרד.

שוין 9 אינדערפריה האָט מען אין געריכט גע־בראַכט אַלע פערמשפּט'ע, וועלכע זענען ציוויל גע־קליידעט, און נישט אין אַרעסטאַנטסקע קליידער.

צום אַפּעלאַציע־פּראָצעס זענען געקומען פיל זשורנאַליסטען און א גרויסער עולם.

די פערמשפּטע זענען געבראַכט געוואָרען אונ־טער העכער בעגלייטונג פון אַן עסקאָרטע.

אויף דער וואָקאַנדע פיגורירט בלויז דער נאָמען פון איין עדות.

נאָכ'ן פעסטשטעלען די פּערסאָנאַליען פון די גע־משפּט'ע און די פאַרשלאָגען פון די פערטיידיגער, איז מען צוגעטרעטען צום רעפערירען דעם פּראָצעס.

פּונקט, ווי ביי זייער פּראָצעס אין קרייזגעריכט, האָבען די בעשולדיגטע אויך נעכטען דערקלערט, אַז זיי וועלען נישט רעדען פּויליש, און אַז זיי קענען זייערע דערקלערונגען אָפּגעבען בלויז אויף אוקראַי־ניש.

לכתחילה האָבען די פערטיידיגער און דער פּראָ־קוראָר אָפּגעגעבען דערקלערונגען, אַז זיי האָבען קיין שום פאָרשלאָגען און ווענדונגען נישט צו מאַכען.

שפּעטער האָבען אָבער די פערטיידיגער אַריינ־געטראָגען א פאָרשלאָג, אַז דער ענין זאָל איבערגע־וויזען ווערען צו א געריכט פון געשוואָרענע. דער פּראָקוראָר האָט זיך אַרויסגעזאָגט געגען. דערויף האָט דאָס געריכט דערקלערט, אַז וועגען דעם ענין וועט דער עגטפער קומען מאָרגען.

איינער פון די בעשולדיגטע, דער פערמשפּט'ער מאַליצאַ האָט דערקלערט, אַז ער ציהט צוריק זיינע דערקלערונגען, וואָס ער האָט געגעבען אין קרייז־גע־ריכט. כידוע, האָט ער דעמאָלט גערעדט געגען זיינע חברים.

מאָרגען דינסטאָג וועלען רעדען די צדדים.
דער פּראָצעס זאָל זיך פערציהען ביז דאָנערשטאָג

די ריכטיגע בעוועגונג
אויף וועלכער מען פרעגט זיך נאָך...

וואַרשאַ, 27 (טעלעפאָניש)
דער צענטראַלער פערבאַנד פון יונגען דאָרף, וועלכער האָט לעת עתה אין זיין פּראָגראַם, דעק־לאַראַציעס און בעשלוסען גאָרנישט געשריבען וועגען די יודען אין פּוילען, האָט איצט אָפּגעדרוקט פאָלגענדע דערקלעהרונג:

„די יונג־דאָרפישע בעוועגונג האָט אַ לח־לוטין אַנדערע בעציהונג צו דער יודישער מינ־דערהייט, ווי צו אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטען — דייטשען רוטענער, ווייסרוסען א. א. דער פּויער איז גערעכט ווען ער בעטראַכט דעם יודען, אַלס אַ פערמיטלער און פּאַראַזיט, וועלכער ציהט פון איהם דרינגענדע רווחים. בכלל האָבען דאָך יודען געצויגען פּרנסות און ציהען ווייטער קאָלאָסאַלע רווחים נישט בלויז פונ'ם פּויער, נאָר אויך פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. בלויז פון דער ריטועלער שחיטה אַליין האָבען זיי, זינט פּוילען איז ענטשטאַנען, אַרויסגעצויגען גרויסע סומען.

ווייטער זאָגט זיך דער פערבאַנד פון יונגע פּויערים אַרויס שאַרף געגען די יודען, אַלס שונאים פון קאָאָפּעראַציע, און פאָדערט, אַז די יודען־פראַגע זאָל ערלעדיגט ווערען זוי אַמשנעל־סטען. די דאָזיגע פראַגע מוז געפינען אַ ווידערקלאַנג אויך ביי די מאַסגעבענדע פאַקטאָרען. די רעגירונג מוז זיך ענטשלאָסען אַרויסזאָגען אין דער יודען־פראַגע און לעזען זי מיט אַ וואָס גרעסערען נוצען לטובת דעם דאָרף און דער פּוילישער מלוכה".

זיג פון די קאָמוניסטען
דערוויילינגער רעזולטאַט פון די וואַהלען אין פראַנקרייך

פּאַריז, 27 (ספּ. טעל.)
לויט אינפאָרמאַציעס וועגען די דערוויילינגע וואַהל־רעזולטאַטען אין פראַנקרייך, האָבען א זיג אָפּגעהאַלטען די קאָמוניסטען. בלויז אין פּאַריז אַליין האָבען זיי דערגרייכט 9 מאַנדאַטען.

אין אַלגעמיין ווייזט זיך אַרויס די פּוחות־פּער־העלטניש, אַלס א קנאַפּ־פעראָנדערטע.

ענדגילטיג וועט דער רעזולטאַט בעוואוסט זיין ערשט נאָך די צוגאָב־ און איבערבאַלאָטירונגס־וואַהלען דעם קומענדיגען זונטאָג.

גרויסע רבנים=בעראַטונג אין וואַרשאַ

וואַרשאַ, 27 (טעלעפאָניש)
מאָרגען, דינסטאָג, קומט דאָ פאָר אַ גרויסע רבנים־בעראַטונג געווידמעט די ענינים פון שחיטה־געזעץ, קהלות א. א.

אונזער וואָרט

דער ענגלענדער זאָגט...

ווי עס איז שוין לאַנג פעסטגעשטעלט געוואָרען, איז איינע פון די הויפּט־סיבות, וואָס איז גורם צו דער פעראָרימונג פון יודישען האַנדעל, און ממילא — אויך פונם האַנדעל בכלל, די אַזוי גערופענע צוואַנג־זונטאָג־רוה.

פיל פּיילען זענען אין דער פראַגע צובראָכען גע־וואָרען, פיל פעדערן האָבען זיך, שרייבענדיג וועגען דעם ענין — פערטעמפּט, פיל אומבעקוועמליכקייט און שאָדען פערמאָגט אַט דאָס געזעץ אין זיין שורש אין דעם גרויס און ערך פון זיינע פאָלגען אין צו־פעדן אַרויסצופּרעגען, איז אַן ענין פאַר וויסענשאַפט־לער ־ עקאָנאָמיסטען.

עס איז דערביי אינטערעסאַנט, ווי אַזוי עס פער־קוקען זיך אויף דעם ענין די „הינטערשטעליגע, אומ־פּראַקטישע און פינסטערע" ענגלענדער, וואָס אין עניני־מסחר ווייזען זיי זיך נישט אויס צו זיין קיין גרויסע שלים־מזל'ס, און וואָס שייך גאָטפאָרכטיגקייט און פרומקייט זענען זיי אוודאי און אוודאי נישט קיין אפּיקורסים...

און דאָך —

ווען אין דעם ענגלישען פּאַרלאַמענט איז די וואָך בעהאַנדעלט געוואָרען די פראַגע פון זונטאָג־רוה, האָט דער ענגלענדער געזאָגט: — זאָל זיין, ווי דער מאָטע האָט געהייסען, און אַזוי ווי עס איז דער ווי־לען פונם רבונו של עולם געגען די טענות פון די פאַלשע גאָט־סטראַפּטשעס און סתם צבועק'עס, וואָס זענען מיט זייערע טריפע אויגען ־ גלאָצעגישען מעהר אויסען צו שאָדען ברענגען דעם נאָהענטען, ווי ליב האָבען איהם, ווי זיך אַליין.

דער ענגלישער פּאַרלאַמענט האָט זיך וועגען דעם ענין נישט אַריינגעלאָזט אין קיין לאַנגע דעבאַטען, און, ווייזט אויס, שטיצענדיג זיך טאַקי אויף גשמיסע־יסודות און מקורים, מיט 122 שטימען געגען 75 גע־פּסק'נט, אַז די, וואָס האַלטען צו די געשעפטען שבת, מעגען זיי אָפען האַלטען זונטאָג.

אַזוי האַנדלען בעוואוסטזיניגע מענשען מיט קלאָרען פערשטאַנד און שכל, און מען מוז נישט דווקא דערצו זיין קיין גרויסע דזשענטעל־לייט, הו־מאַניסטען א. ד. גל.

מען דאַרף בלויז האָבען א ביסעל גוטען ווילען, און פערשטיין השם עלעמענטאַרען כלל, אז דער, וואָס שאַנעוועט יענעם, רופט אַרויס ביפען דרך ארץ צו זיך גופא!

ב.

טאָג - טעגליך

...ר דערוויילינגער רעזולטאַט

...י וואַהלען אין פראַנקרייך, אויף וועלכע עס ...ר געווענדט די אויגען פון דער פּאָליטישער ...ט, האָבען דערווייל געגעבען אין רעזולטאַט א ...שטענדען זיג פון די קאָמוניסטען, און די „הו־ ...ניטע" זאָגט פאָר, אַז די צאָהל קאָמוניסטישע ...ראַטען אין דעם צוקונפטיגען פראַנצויזישען פּאַר־ ...מענט וועט אויסמאַכען אַנ'ערך 80.

...דערווייל איז אויך פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז ...צאָהל קאָמוניסטישע שטימען פון וואַהל־בערעכ־ ...טיגטע איז זינט 1932 פון 790 טויזענד געשטיגען ...אויף איבערדריי האַלבען מיליאָן.

...די רעכטע פראַנצויזישע פּרעסע טרייסט זיך דער־ ...מיט, וואָס דער וואוקס פון די קאָמוניסטישע ...שטימען קומט פאַר אויפן חשבון פון די סאָציאַליס־ ...טען.

...עס איז אָבער דערביי הערכסט ־ כאַראַקטעריס־ ...טיש, אַז אין די איצטיגע וואַהלען ווייזט זיך בולט ...אָן אַנ'אָפּוויכונג אין די רעכטע גרופּירונגען ...פון דער רעפּובליקאַנישער פעראייניגונג פון לואי ...מאַרען, און הגם עס איז נאָך העכסט־פריהצייטיג ...צו זאָגען וואָסערע נישט איז ממשות'דיגע אויספיה־ ...רונגען, ווייל די דעצידירענדע צוגאָב־וואַהלען וועלען ...פאָרקומען איבעראַכטאָג זונטאָג, דעם 3. מאַי, פּובּ־ ...ליקירט שוין דער „זשורנאַל" אַ שטיקעל השערה־ ...פאָרויפשטעלונג פון די קרעפטען אין פּאַרלאַ־ ...מענט אויפן געביט פון פאָלקס־פראָנט, און פערזי־ ...כערט אַז די קאָמוניסטען וועלען דערצילען 40 ...מאַנדאַטען, די סאָציאַליסטען 110 און די ראַדיקאַל ־ 150. דער פּאַרלאַמענט ווט אַזוי ־ אַרום ...די נבואה פון „זשורנאַל" וועט מקוים ווערען ...ביז איצט נישט האָבען קיין פעסטע מעהר ...

...אין אַלגעמיין ווענדט די פראַנצויזישע פּרעסע די ...אויפמערקזאַמקייט אויפ'ן קאַמף, וואָס וועט גע־ ...פירט ווערען איבעראַכטאָג זונטאָג וועגען א גרויסע ...צאָל מאַנדאַטען.

...מיט דעם דערוויילינגען רעזולטאַט געהער אָבער ...דער וויכטיגסטער פּונקט, וואָס איז אוודאי ...דעצידירענד אין דעם איצטיגען מאָמענט, ווי ...די איבריגע, און דאָס איז — די בולט'ע מפּלה פונם ...פראַנצויזישען פאַשיזם מיט דעם אָנפיהרער פון קרואַ־ ...דע פייע, פּאָלקאָווניק דעלאַראָק.

מ.

שטיצט די נאַכט=פאַנאַטוויע ביי „לינת=הצדק"
און קויפט היינט די אָפּצייכנונג. מיט אייער שפענדע שטיצט איהר די נוצליכע אינסטי־טוציע, וואָר ראַטעוועט טויזענדער מענשען ביינאַכט.

א פּאָרט אין תּל־אביב

בעשלוס פון תּל־אביב'ער עריה איבערגעגעבען דעם הויך־קאָמיסאַר

תּל־אביב, 27 (יט"א טעלעגראַפיש)

אויף דער לעצטער זיצונג פון דער עריה, האָט דער בירגערמייסטער דיזענגאָף געהאַלטען אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט גערופען די יודישע בעפעלקערונג צו לעבען בשלום מיט די אַראַבער. ער האָט אָנגעוויזען, אַז אין אַ צייט ווען די אַראַבער האָבען זיך געפונען אין אַ צרה, האָבען די יודען די ערשטע געגעבען הילף.

ס'איז אויך בעשלאָסען געוואָרען זיך צו ווענדען צו דער רעגירונג מיט אַ פאָדערונג, אויסצובויען אַ נייעם פּאָרט אין תּל־אביב. דערוועגען וועט אַ דעלעגאַציע זיך ווענדען צום הויך־קאָמיסאַר וואַר־קאָפּ.

2 באָמבעס אויפגעריסען אין יפו
קיינער איז נישט אַרעסטירט

ירושלים, 27 (יט"א טעלעגראַפיש) היינט האָט אין יפו אויפגעריסען 2 באָמבעס. פּרטים פעהלען. איינס איז בעוואוסט, אַז מ'האָט קיינעם נישט געכאַפּט.

יודישע יונגעלייט דעמאָנסטרירען
און ברעכען די שויבען אין ענגלישען קאָנסולאַט
אלס פּראָטעסט נעגען די געשעהענישען אין ארץ־ישראל

רעוועל, 27 (יט"א טעלעגראַפיש) אַ גרופּע יודישע יונגעלייט האָבען דעמאָנסטרירט פאַרן בנין פון ענגלישען קאָנסולאַט נעגען דער ענגלישער רעגירונג צוליב די לעצטע געשעהענישען אין ארץ ישראל. די דעמאָנסטראַנטען האָבען אויסגעהאַקט די שויבען אין קאָנסולאַט־בנין.

דער בריטיש־איטאַליענישער קאָנפליקט
אלס הינטערגרונד פון די לעצטע געשעהענישען אין א"י
פערשידענע בויך־סברות פון דעם נאַצי־אָרגאַן

בערלין (יט"א). דער „פעלקישער בעאָבאַכטער" פרובט פון נאַצי־שטאַנדפּונקט בעלויכטען די לעצטע געשעהענישען אין א"י און שרייבט, אַז דער „בריטיש־איטאַליענישער קאָנפליקט בילדעט דעם הינטערגרונד פון די לעצטע געשעהענישען אין א"י". דער נאַצי־אָרגאַן בעהויפּטעט, אַז די בריטישע אַדמיניסטראַציע אין א"י, האָט זיך, כלומרשט, ענטשיידען געשטעלט אויף דער זייט פון די אַראַבער, ווייל אין די בריטישע אינטערעסען פון מיטעלענדישען ים זאָל ליגען די אָפּשוואַכונג פון דער ציוניסטישער בעוועגונג. דער נאַצי־אָרגאַן אינסינואירט דערביי, אַז ענגלאַנד האָט, כלומרשט, מורא פאַר אַ פּראָ־איטאַליענישער אָריענטאַציע פון דער ציוניסטישער בעוועגונג.

דער „בעאָבאַכטער" זאָגט נביאות, אַז די בריטישע אַדמיניסטראַציע וועט נאָך אין די נאָהענטסטע וואָכען שטעהען אין אַנבליק פון אַ ערנסטער לאַגע.

אַמעריקאַנער ציוניסטען דאַנקען
פאַר צוריקשטעלען די אָרדנונג אין ארץ־ישראל

ניו־יאָרק, 27 (יט"א טעלעגראַפיש)

אויף אַ גרויסער קאָנפערענץ פון די ציוניסטישע גרופּירונגען, האָט סטיפען וויז געהאַלטען אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט געדאַנקט די ענגלישע רעגירונג פאַר איהר ענערגישער אינטערווענץ אין ארץ ישראל.

ווידער שרפות אין עמק

ירושלים, 27 (יט"א טעלעגראַפיש)

זונטאָג זענען פערצייכענט געוואָרען עטליכע שרפות אויף די פעלדער אין עמק.

די גריכישע פּרעסע וועגען די געשעהענישען אין א"י

אַטען (יט"א). די גריכישע פּרעסע יודמעט פיל אויפמערקזאַמקייט די לעצטע געשעהענישען אין ארץ־ישראל. די אַטענער צייטונג „פּראָיאַ" שרייבט צ.ו. אַנד.: „די אַראַבער זענען נישט צופרידען דערמיט, וואָס די יודען גרינדען זייער נאַציאָנאַלע היים אויף דעם באָדען, וואָס איז אין משך פון יאָהרהונדערטער געווען פעריוואַהרלאָזט. די יודישע קאָלאָניזאַציע האָט געענדערט דעם פּרצוף פון לאַנד. ס'ענטשטעהען נייע שטעט, דער באָדען ווערט פרוכטבאַר. דאָס ניווא פון דער ציוויליזאַציע הויבט זיך. די ענגלישע אַדמיניסטראַציע האָט אַ שווערע און דעליקאַטע אויפגאַבע, אָבער ענגלאַנד, וועלכע האָט אַזוי פיל ערפאַהרונג ביים רעגירען מיט מזרח־פעלקער, וועט אויך דאָס מאָל בעוויזען צו בעהערשען די לאַגע".

צוליב ליקווידאַציע

זעלטענע איינקויפס־געלעגענהייט!

ליקווידאַציע־פערקויף!

זעלטענע געלעגענהייט!

פערקויפט אויס דאָס בעקאַנטע טוך־ און קאָרט־געשעפט פון

H. WŁOSKI

לאדז, 3 נאַוואָמיעסקאַ 3

טעל. 114-92. פראָנט. 2־טער שטאָק

צום איצטיגען פריהלינג און זומער־סעזאָן די בעסטע הערן און דאַמען שטאָפען אויף פּאַלטענס און אַנציגער פון ביליצער, טאָמאַשאָווער און אַנדערע פאַבריקען

בעמערקונג: אַ פאַרטיע ראָמש־וואַרען איז מיטצופּע רקויפען.

נוצט אויס די געלעגענהייט!

צו ליקווידאַציע־פּרייזען!

קומט און איבערצייגט אייך

Dr. J. Ajzner

powrócił

Al. Kościuszki 1.

Centralna LECZNICA

Zębów i Prywatny Gabinet Dentystyczny

PIOTRKOWSKA 164 tel. 127-83

czynny od 9 r. do 8 wiecz.

Ceny znacznie zniżone

Dr. med

J. Nadel

ספעציאַליסט פון אַקושעריע און פרויען־קראַנקהייטען

אַנדזשעיאַ 4, טעל. 228-20

נעמט אָן פון 10—12 און פון 5—7 אָו

Dr. med.

D. ŻADZIEWICZ

ספעציאַליסט פאַר אויערען, נאָז, האַלז און קעהלקאָפּף־קראַנקהייטען

Piotrkowska 64, tel. 125-26.

נעמט אָן פון 5—8 אָוונד.

Lekarz Dentysta

Jakób Botwinik

וועלכער האָט געאַרבייט אין דער קראַנקען קאַסע 12 יאָהר ספעציעל אויף ציין־ציהן און האָט אַנ'אייגענע לאַבאָראַטאָריום פון קינסטליכע ציין, נעמט אָן טעגליך פון 9 ביז 8 נאַכט. אין דער לעטשניצע „סאָמאָפּאָמאָץ" רוג זגערזשער און לימאַנאָווסקיעגאָ 1, טעל. 101-29 פון 4—11 און אָוונד אויף נאַרוטאָוויטשאַ 18 צוגענגליכע פרייזען. פאַר...

Starszy Felczer

B JOSKOWICZ

4 פּולנאַצנאַ 4

נעמט אָן טעגליך פון 9—11 און 4—6 נ"מ

טעגליך פּאָקען־שטעלען מיט פרישע קראָוויאַנקע.

Dr. J. Kerszfinkiel

ספעציאַליסט פאַר קינדער־קראַנקהייטען

נעמט אָן אין דער לעטשניצע „סאָמאָץ־פּאָמאָץ" (פּלעקסאַנדראָווסקאַ 1) און ביי זיך אינדערהיים

זשעלאַזנאַ 8a, טעל. 111-87

ד"ר העללער

ספעצ. פאַר הויט און ווענערישע קראַנקהייטען און מענער - שוועכע

8 טראַוגוטאַ 8, טעל. 179-89

נעמט אָן פון 8—11 און פון 4—8 אָוונט,

זונטאָג פון 10—2 מיטאָג.

פאַר פרויען — אַ ספעציעלער וואַרטע־זאַל

פאַר אונבעמיטעלטע לעטשניצע־פּרייזען

Dr. med. Niewiażski

ספעציאַליסט פאַר טריפּער, סיפיליס און הויט - קראַנקהייטען, בעהאַנדלונג פון מענער - שוועכע

אַנדזשעיאַ 5, טעל. 159-40

פראָנט, 1טער שטאָק

נעהמט אָן פון 8-11 און פון 5-9 אָוונט זונטאָג און יום טוב פון 9-1 נאָכמיטאָג. ספעציעלער וואַרטע - זאַל פאַר פרויען

Dr. med.

Z. DATYNER

אוראָלאָג

ספעצ. פאַר ניערען בלאָז און אורין־קראַנק.

ZACHODNIA 59a, tel. 148-95

נעמט אָן פון

ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין לאָדז

מאָרגען מיטוואָך, דעם 29־טען ה. ח. 9 אָוונט קומט פאָר אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, שרודמיעסקאַ 29

אַ פערזאַמלונג

אויף וועלכער די ה"ה: ד"ר י. ראָזענבלאַט, רעד. אונגער, משה לימאַן, אַדוו. שטרויך

וועלען רעדען וועגען

די לעצטע געשעהענישען אין ארץ ישראל

CUKIERNIA

„ZRÓDŁO"

PRZEJAZD 1, tel. 209-87 i 133-72

טעלעפאָן

אויסגעצייכענטע לאָדעם

צוזאַמען מיט סאָדאַ־וואַסער און וואַפלען

אַ פאָרציע 35 גר.

יאַרסקע אָוונדבראָוויטען

פון 4 גענג צו 1 זל.

ביום ב' ה' לחודש אייר תרצ"ו, שבק חיים לכל חי' האהובה

נ. ע.

הינדה מזל

בשנת 57 לימי חיי'

הלוי' תהי' היום ביום ג' ו' לחודש אייר תרצ"ו, בשעה 2 אחר הצהרים מבית האבל פּאָלודניאָווע 23. השרויים בצער עמוק

משפחתה המתאבלת.

הזכרה

לנשמת ר' מנחם אלענבערג ז"ל

היינט דינסטאָג, דעם 28 אפּריל, 8 אַ זייגער אָוונט קומט פאָר אַ הזכרה און הספד בביהמ"ד „חברה ש"ס" צעגעלניאַנאַ 24 מהרב ר' יעקב גוטקאָווסקי. אַלע חברים מחש"ס און מתפללי ביהמ"ד, בעקאַנטע און פערעהרער ווערען געבעטען פּינקטליך צו קומען.

הנגבאים.

לעבענס־פערזיכערונגס־פּאָליסן

אינלענדישע און אויסלענדישע, אפילו פון גאַנץ לאַנג נישט געצאָהלטע, קענען אויך האָבען אַ געוויסען ווערט, אויב איהר ווילט זיך יועגדען

Łódź Piotrkowska 145, m. 5a

פערזענליך פון 4 ביז 7 נאָכמ.

דער

פאָטאָגראַפישער אַטעליער

„POLONJA"

אינה. גוטערמאַן, גדאַנסקאַ 31

פיהרט אויס אַלער אַרט פאָטאָגראַפיעס צו פּעסער, לעגיטימאַציעס, פּראָטשוואַציעס טעם רעקוילעס ווי אויך לויט פאָרטריפּס צו דער אַנבעזויטשאַלניע, צו זעהר בילינע פרייזן. פּאָסט־קאַרטען און פאָרטרעטען ווערען אויך אויסגעפערטיגט שנעל און גוט

— צו נידריגע פּרייזען. —

אויערען, נאָז און האַלז קליניק

מיט בעטען פון Dr.

Z. Rakowski

פּיעטריקאָווער 67. טעל. 127-81

נעהמט אָן שטענדיגע קראַנקע (צוועק אָפּעראַציע א. אז. וו. ווי אויך אַמבולאַטאָרישעם פון 9-2 און פון 4-8 אָוונט.

ביי דער קליניק איז טעטיג

א רענטגען־גאַבינעט

וויכטיג פאַר

ברוך־קראַנקע

(רופּטורען) זאַווי פון פערקרימונגען פון רוקען־ביין (הויקערס), פּאַראַליזשען, ביין־שווינדזוכט, פּלאַטפּיס און פערשידענע אַנדערע פערקריפּלונגען־ליידענדע.

פאַר פערשידענע אַרט רופּטורען פערפעלטערטע און די געפערליכסטע ביי מענער, פרויען און קינדער ספעציעלע אָרטאָפּעדישע הייל־באַנדאַזשען לויט מיין מעטאָדע היילען און בעזייטיגען ראַדיקאַל יעדן איינציגן ברוך.

ביי מאַגען און קישקע - זענקונג ספעציעלע אינדיווידועל צוגעפּאַסטע לייב־הייל־באַנדאַזשען.

פאַר הויקערס ספעציעלע גאָרסעטען און גליכהאַלטערס.

געגען ביין־שווינדזוכט ספעציעלע אָרטאָפּעדישע אַפּאַראַטען פון אַלע סיסטעמען.

געגען שמערצענדע פּלאַטפיס ספעציעלע אָרטאָפּעדישע איינלאַגען לויט גיפּס־מאָדעלען.

געגען קרומע אָדערן ספעציעלע גומי־שטרימף לויט מאָס.

קינסטליכע הענד און פיס

ספעציעלע הייל־אָרטאָפּעדישע אַנשטאַלט

ספעצ. אָרטאָפּעד

א. פּעטריקעוויטש, לאדז

9 פּיראַמאָוויטשאַ 9, טעל. 177-09 (פריהער אַלגיינסקאַ

אַכטונג! קראַנקע מוזען זעלבסט ערשיינען.

טויזענטער דאַנקזאַגונגען קענען בעוויזען ווערען

פּערצווייפּעלטע ווענדונג פון דעם נעגוס'עס טאָכטער צו הערי(א)

...ן, 27 (ספּ. טעל.)
...ריאַ האָט דערהאַלטען פונם נעגוס'עס טאָכ־
...דער פירשטין טראַי, אין נאָמען פון די אַבי־
...ער פרויען פאָלגענדע דעפּעשע פון אַדיס־
...:

...וט אַ היימען תחנונים־געבעט און טיפער זאָרג
...ען מיר זיך צו איך, וואָס איהר העפּרעזענטירט
...סימבאָל פון דער בעסערער מענשהייט פון
...ען, וועלכען מיר וואָלטען געוואָלט זעהן היינט.
...מעכאַניזם פון זשענעווע איז אַ פּאַוואָליעדי־
...און די מלחמה וועט נאָך דויערן לאַנג, אַנ־
...דריג דעם כאַראַקטער פון אַ היילינער מל־
...איהר קאָנט אָבער אָנווענדען אייער אויטאָרי־
...אַז מען זאָל אָפּשטעלען די טרויזאַמע אָנווענ־
...פון די גאַזען. אייער האַרץ קאָן נישט בליי־
...אַלט און גישט־עמפּינדליך אויף די יסורים
...ענדערע קינדער, וועלכע ווערען זיך אין דעם
...ליכען קאַמף לאָזען צוזאַמען פאַר דער אוג־
...נגקייט און גרויזאַמקייט!"
...אויף דער דאָזיגער דעפּעשע האָט הערי(א) גע־
מעבען דער פירשטין פאָלגענדען טעלעגראַפישען ענטפער:

„איך האָב דעם כבוד צו בעשטעטיגען די קבלה פון אייער אַזוי ריהרענדער דעפּעשע, וועלכע האָט געוועקט טיף טיפסטע אויפמערקזאַמקייט, און וועלכע איך האָב איבערגעגעבען דער פראַנצויזישער רעגירונג.

די לאַגע אין אַביסיניען

וואַרשאַ, 27 (טעלעפאָניש)

לויט פערשידענע קאָמוניקאַטען ווערט מיט־געטיילט:

אַן אַביסינישער קאָמוניקאַט גיט איבער, אַז די איטאַליענישע אָפענזיווע אויפ'ן דרום־פראָנט פון 14 ביז 17 ד. ח. איז מיט שווערע פערלוסטען פאַר די איטאַליענער אָפּגעשטויסען געוואָרען. דעם 24 האָבען די איטאַליענער בענייט די אָפענזיווע אויף סאַסאַבאַנע, אָבער נאָך אַ 3־טאָגיגער שלאַכט איז זיי די שטאָט נישט געלונגען איינצונעהמען. די אַביסיניער האָבען אַראָפּגעשאָסען 5 איטאַליענישע אַעראָפּלאַנען און פערניכטעט 2 טאַנקס.

איטאַליענישע קוועלען זענען מודיע, אַז אין דער ריכטונג פון אַדיס־אַבעבא מאַרשירען 2 איטאַליענישע קאָלומקעס. זיי געפינען זיך שוין 100 קילאָמעטער ווייט פון דעסיע.

ענגלישע קאָרעספּאָנדענטען מעלדען, אַז די איטאַליענער וואַרפען אַרונטער פון אַעראָפּלאַנען פלוג בלעטער וועגען דעם, אַז בקרוב וועט דאָס איטאַליענישע מיליטער אַריינמאַרשירען אין אַדיס־אַבעבא אַן האַראַר.

אויפ'ן דרום־פראָנט האָבען די אַביסיניער, נאָך אַ 2 טאָגיגער שלאַכט געליטען אַ מפּלה הינטער האַמאַנלעי.

„היטלער'ס מיין קאַמף"

אלס צוואַנגס־מתנה פאַר יעדעז פּאָר־פּאָלק אין נאַצי־דייטשלאַנד

בערלין (יט"א) לויט אַ פעראָרדנונג פון רייכס־אינערן־מיניסטער וועלען פון ערשטען מאַי אָן די געמיינדע־אַמטען ביים אַדורכפיהרען די חתונה־אַקטען איבערגעבען יעדען פּאָר־פאָלק אַ י־עקזעמפּלאַר פון היטלער'ס „מיין קאַמף". ווי עס בעוואָרענט זיך אויסדריקליך די פעראָרדענונג, וועט די דאָזיגע מתנה נישט איבערגעגעבען, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַ יודישען אָדער געמישטען פּאָר־פאָלק.

יודישע געשיכטע־פאָרשונג אין דייטשלאַנד

אונטערגעוואָרפען דער נאַצי־קאָנטראָל

בערלין (יט"א) דער פּרייסישער פּרעמיער געהרינג האָט אַרויסגעגעבען אַ פעראָרדענונג, וואָס וואַרפט אונטער די יודישע געשיכטע־פאָרשונג אונטער אַ דירעקטער נאַצי־קאָנטראָל און מאַכט פּאַקטיש אוממעגליך אַרויסצוגעבען נישט־נאַציפיצירטע יודיש־היסטאָרישע אָבהאַנדלונגען. לויט דער דאָזיגער פעראָרדענונג קען קיינער נישט האָבען אַ צוטריט צו די אַרכיוואַלע מאַטעריאַלען פון דער יודישער געשיכטע אין דייטשלאַנד אין 19־טע און 20־טע יאָהרהונדערט אָהן אַ ספּעציעלער ערלויבניש פון געהרינג גופא. היסטאָרישע מאַטעריאַלען טאָרען נישט פערעפענטליכט ווערען אײדער זיי וועלען צענזורירט ווערען. עהנליכע פעראָרדענונגען וועלען אויך נאָך פרייסען אַרויסגעבען אַנדערע פּראָווינצען. די געמיינדעס וועט אויך פערבאָטען ווערען צוטריטליך צו מאַכען זייערע אַרכיוען פאַר סטודענטען און היסטאָריקער, וועלכע פאָרשען די די יודישע געשיכטע.

470,000 פונט שוין געזאַמעלט אין ענגלאַנד

לטובת די דייטשע יודען

לאָנדאָן. (יט"א) די זאַמלונגען וואָס ווערען דורכגעפיהרט דורך דעם „ראַט פאַר'ן דייטשען יודענטום" געהען דורך ערפאָלגרייך. ביז־איצט איז אויף דעם צוועק געזאַמעלט געוואָרען אין ענגלאַנד אַ סומע פון 470.000 פונט.

נאָך אַ קרוש פון די אַנטיסעמיטישע אָנפאַלען

געשטאָרבען משה קאַדיש אין בזשעזשין

בזשעזשין (טעלעפאָניש) היינט איז אין שפּיטאָל געשטאָרבען דער יודישער יונגערמאַן משה קאַריש, וועלכער איז דעם 22־טען מערץ געשטאָכען געוואָרען פון כוליגאַנעס.

אין דער לויה האָט זיך בעטייליגט אַ גרויסער עולם. ביים קבר האָבען דעם קדוש מספּיד געווען דער בזשעזשינער רב הרב באַרנשטיין און שרייטער.

די לויה איז אַדורך רוהיג. פּאָליציי האָט געהיטען די אָרדנונג.

ל־ב

רומענישע רעגירונג דראָהט

צו שליסען די הויכשולען

בוקאַרעשט, 27 (יט"א טעלעגראַפיש)

די רעגירונג האָט פערעפענטליכט אַ קאָמוניקאַט אין וועלכען ס'ווערט געדראָהט צו שליסען די הויכשולען, אויב ס'וועלען זיך איבערחזר'ן די אָנפאַלען אויף יודישע סטודענטען.

שוחטים זענען גייסטליכע

וואַרשאַ, 27 (טעלעפאָניש)

דאָס העכסטע געריכט האָט היינט אַרויסגעטראָגען אַן אינטערעסאַנטען אורטייל, דהיינו, אַז — שוחטים זענען גייסטליכע און זענען דעריבער נישט מחויב צו געהערען צו דער „אובעזפּיעטשאַלניע"

דער דאָזיגער אורטייל האָט אַ פּרינציפּיעלע בעדייטונג.

סער הערבערט מאַנד —

קאָמאַנדאָר פון עהרען־לעגיאָן

פּאַריז (יט"א) אין דער „מעזאָן דע לאַ שימי" איז פאָרגעקומען אַ באַנקעט לכבוד דעם בעקאַנטען יודיש־ענגלישען כעמיקער און אַרכעאָלאָג סער הערבערט מאַנד, וועלכער איז דערביי דעקאָרירט געוואָרען מיט'ן קאָמאַנדאָר־אָרדען פון עהרען־לעגיאָן. אין דעם באַנקעט האָבען זיך בעטייליגט העכער 150 געסט, הויפּטזעכליך בעקאַנטע פראַנצויזישע כעמיקער און אינדוסטריעלער.

מיט אַ רעדע וועגען סער הערבערט מאַנד'ס אויפטוען אַלס כעמיקער, אַרכעאָלאָג און כלל־טוער איז אַרויסגעטרעטען דער פאָרזיצער פון „מעזאָן דע לאַ שימי" אויגוסט בעהאַל.

סער הערבערט מאַנד איז שאַצמייסטער פון אַרכעאָלאָגישען פאָנד אין ארץ־ישראל און פאָרזיצער פון אַנטי־דייטשען באָיקאָט־קאָמיטעט אין ענגלאַנד.

פעראָרדענונג וועגען שטייער־הנחות

וואַרשאַ, 27 (טעלעפאָניש)

אין „דזשעניק אוסטאַוו" איז פערעפענטליכט געוואָרען אַ פעראָרדענונג פונ'ם פינאַנץ־מיניסטער וועגען די הנחות ביים בעצאָהלען פערלעגענע שטייערן.

די צאָהלער, וועלכע זענען דערקלערט געוואָרען אלס באַנקראָט, וועלען נישט געניסען פון די דאָזיגע הנחות, אָדער זיי וועלען פערלירען דאָס רעכט אויף ווייטערדיגע הנחות, וואָס פליסען אַרויס פון דער פעראָרדענונג.

לאָדזער נייעס

זעלבסטמאָרד אין פאָלקס־פּאַרק

(א) נעבען פאָלקס־פּאַרק אויף דער סרעבזשינסקאַ גאַס האָט מען געכטען געפונען אַ פער־סמ'טע די 26־יעהריגע זאָפיאַ קוסטושעווסקאַ. אין אַ שווערען צושטאַנד איז זי אָפּגעפיהרט געוואָרען אין שפּיטאָל.

אונטערגעוואָרפען אַ קינד

(א) אין לאָקאַל פון דער סאָציאַלער הילף־אָפּטיילונג ביים מאַגיסטראַט (זאַוואַדזקאַ 11), האָט אַ פרוי נעכטען איבערגעלאָזט אַ קינד, אַ מיידעלע פון 6 חדשים.

דאָס קינד איז אָפּגעשיקט געוואָרען אין שטאָטישען פינדעל־היים. די מוטער ווערט געזוכט פון דער פּאָליציי.

צוליב ספּאָרט

(א) אויפ'ן ל. ק. ס. פּלאַץ פּל. אוניע, וועלענדיג צוקוקען זיך צו די ספּאָרט־שפּילען, איז דער 18 יעהריגער סעיוועריך יאַשאַק אַראָפּגעפאַלען פון פּלויט און איז שטאַרק פערוואונדעט געוואָרען.

Dr. med.
G. GERSZTAJN
ספּעציאַליסט פאַר אויגען קראַנקהייטען
Traugutta 12, tel. 175=10
נעהמט אָן פון 11–2 און פון 5 ביז 8.30 אָוו.
אונבעמיטעלטע— לעטשניצע פּרייזען.

דאָס לאָטעריע פון פ. ק. א.־ביכלעך

וואַרשאַ, 27 (טעלעפאָניש)

נאָך דער ציהונג דעם 25־טען ר. ח. בעקומען צו 1000 זל. די אינהאַבער פון די ביכלעך:

53442	53305	53015	52259	51103	50457
67039	56494	55492	54728	54338	51226
59310	59240	59085	58761	58101	58042
65684	65558	65105	62879	62418	61376
71014	70212	69274	68619	68085	65949
77699	77595	77250	76295	75410	74698
80419	79324	79218	78989	77944	77735
85147	83979	83973	81761	81428	81202
87382	87224	87105	86590	86216	85465
90576	90542	89996	89951	89013	88479
94812	94267	93052	92905	92054	90800
99828	99709	98034	97641	97168	95351
106923	105840	105496	103380	100794	
110366	109199	108183	108156	107825	
114952	114043	113953	113664	110915	
116471	116439	116386	116091	115485	
118574	118554	118361	117831	117354	

אויפנאַהמע פונ'ם בעלגישען פּרעמיער ביי'ם פּוילישען

וואַרשאַ, 27 (טעלעפאָניש)

היינט אין אָוונט האָט דער פּרעזעס פון מיניסטאָרען־ראַט, מאַריאַן זינדראַם־קאָשטשאַלקאָווסקי אויפגענומען אויף אַ פייערליכען מיטאָג דעם פּרעזעס פונם בעלגישען מיניסטאָרען־ראַט, וואַן־זעלאַנד.

דער פּוילישער פּרעמיער האָט דערביי געהאַלטען אַ גרויסע רעדע.

„דער זוהן פון הימעל"

נייער טיטול פונם יאַפּאַנישען קייסער

וואַרשאַ, 27 (טעלעפאָניש)

דאָס אויסערן־מיניסטעריום האָט בעקומען אַ מעלדונג פון דער יאַפּאַנישער רעגירונג, אַז דער נייער טיטול פונ'ם מיקאַדאָ לויטעט: „דער הימעל־זוהן פונ'ם גרויסען יאַפּאַן"

קאָנפיסקירט אַ רעזאָלוציע פון פּיליפּאָוויטשעס פּאַרטיי

וואַרשאַ, 27. (טעל.) די אַדמיניסטראַטיווע מאַכט האָט קאָנפיסקירט די נעכטען־אָנגענומענע רעזאָלוציעס אויפ'ן צוזאַמענפאָהר פון דער נאַציאָנאַלער אַרבייטער־פּאַרטיי.

אויף די לשוואַנטינישע ירידים
קיין פּאַלעסטינאַ
הנחות פאַר די ה"ה סוחרים!
קיין עסטרייך
פון 23/4 ביז 28/4 169 זל.
אויספלוג קיין ווינע
30/4 פון 75 זל.
אויף „Kościuszko"
דורך 7 ימים 12/4 פון 400 זל.
הנחה־רייזעס קיין פּאַזען.
הנחה־פּעסער קיין אויסלאַנד און עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיי.
„אָרביס", פּיעטריקאָווער 18
(מעוואַ) טעל. 249-40.

Dr. med. Trepman
ספּעציאַליסט פאַר טריפּער, סיפיליס און הויט־קראַנקהייטען,
בעהאַנדלונג פון מענער־שוועכע.
זאַוואַדזקאַ 6, טעל. 234=12
נעמט אָהן פון 8–11 פאַרמ. און פון 6–9 אָוונט

„דזשאָינט" וועט היי־יאָהר נישט געבען

קיין געלד פאַר ארץ־ישראל

ניו־יאָרק, 27 (יט"א טעלעגראַפיש)

דער „דזשאָינט" האָט פערעפענטליכט אַן ערקלערונג, אַז היי־יאָהר וועט דער „דזשאָינט" נישט קענען געבען געלד פאַר א"י, ווייל זי מוז העלפען יודען אין דייטשלאַנד און פּוילען.

אַנטיסעמיטישע דעמאָנסטראַציע צוליב'ן... „גולם"

פּראַג, 27 (יט"א טעלעגראַפיש)

אין פּרעסבורג, האָבען סלאָוואַקישע סטודענטען איינגעאָרדנעט אַן אַנטיסעמיטישע דעמאָנסטראַציע. די דעמאָנסטראַציע איז איינגעאָרדנעט געוואָרען צוליב דעם דעמאָנסטרירען דעם „גולם".

פייערליכע „הבימה"־פאָרשטעלונג

פאַר די אַנטיילנעמער אין דאָקטוירים־קאָנגרעס

תּל־אָביב, 27 (יט"א טעלעגראַפיש)

פאַר די אַנטיילנעמער אין דאָקטוירים־קאָנגרעס, איז היינט איינגעאָרדנעט געוואָרען אַ פייערליכע „הבימה" פאָרשטעלונג. פאַר דער פאָרשטעלונג האָט דיזענגאָף געהאַלטען אַ בעגריסונגס־רעדע.

איינגעפאַלען אַ סינאַגאָגע־בנין?

אין אַ טשעכאָסלאָוואַקישער שטאָט

פּראָג (יט"א) אין טאַרנאָוועץ ביי נויהוידעל איז איינגעפאַלען אַ נאָר־וואָס רעמאָנטירטע סינאַגאָגע — בנין. צום גליק האָבען די מתפּללים פערלאָזען די סינאַגאָגע אַ פערטעל שעה פאַר דער קאַטאַסטראָפע און אַ דאַנק דעם זענען קיין מענשען־אָפּפער נישט געווען.

העברעאישע אודיציע פון טשעכאָסלאָוואַקישע ראַדיאָ

פאַר דער ערעפנונג פון מזרח־יריד אין תּל־אָביב

פּראָג (יט"א) אַ טאָג פאַר דער פייערליכער ערעפנונג פון דעם מזרח־יריד אין תּל־אביב, דעם ...טען אַפּריל, 10 אַ זייגער מיט 15 מינוט אין אָוונט וועט די טשעכאָסלאָוואַקישע ראַדיאָ־סטאַציע טראַנסמיטירען אַן אודיציע: „טשעכאָסלאָוואַקיי בעגריסט א"י". די אודיציע וועט אויסגעפיהרט ווערען אויף טשעכיש, העברעאיש און ענגליש. די ...פעטע שעה איז געוועהלט געוואָרען דערפאַר, אַז די אודיציע זאָל געהערט ווערען אין א"י, וואָס עס איז מעגליך ערשט נאָך 9 אין אָוונט לויט דער מיטעל־אייראָפּעאישער צייט.

Dr. med. L. Berman
צעגעלניאַנאַ 15, טעל. 149=07
ספּעציעל־אַרצט פאַר מענער - שוועכע־בעהאַנדלונג און סעקסועלע בעראַטונג
נעמט אָן פון 8–11 און פון 4–8 אָוונט.
זונטאָג פון 9–1 פאַרמיטאָג
פאַר אונבעמיטעלטע — לעטשניצע־פּרייזען

Dr. REICHER
פּאָלודניאָווא 28, טעל. 120=93
ספּעציאַליסט
פאַר מענער - שוועכע - בעהאַנדלונג
סעקסועלע בעראַטונגען פון פּסיכאָ - אַנאַליזען
נעמט אָן פון 8–11 פון 5–8 אָוונט.
זונטאָג און חגאות פון 9–1

דער נייער ענגלישער בודזשעט

איז א פּראָפּאַגאַנדע=אַקט געגען דייטשן מיליטאַריזם

אין דער ענגלישער עפֿנטליכער מיינונג איז איצט געוואָרן פֿאָרהערשנד די איבערצייגונג, אַז דער איינציגער אויסוועג זיך אקעגנצושטעלן די אַלס וואַקסנדע אַפּעטיטן פֿון דריטן רייך, איז צו פֿערשטאַרקן די ענגלישע בעוואָפֿנונגען. צו דעם צוועק איז אין דעם בודזשעט פֿאַר׳ן יאָהר 1936 שוין בעדייטנד פֿערגרעסערט געוואָרן די פּאָזיציע אויף בעוואָפֿנונגען. אין שייכות דערמיט שרייבט דער בעקאַנטער קענער פֿון די ענגלישע בעציהונגען אוגור צווישן אנדערעס פֿאָלגענדעס:

דער בודזשעט אויפֿ׳ן יאָהר 1936, וואָס איז מיט א פּאָר טאָג צוריק פֿאָרגעלעגט געוואָרן אין ענגלישן פּאַרלאַמענט איז געווען אַ גרויסע איבערראַשונג פֿאַר דער עפֿנטליכער מיינונג פֿון ענגלאַנד. דער הכנסה שטייער איז געהעכערט געוואָרן אויף איינציגע פּענס. די דאָזיגע העכערונג, הגם נישט קיין בעדייטענדע דערמאָהנט אָבער די ענגלענדער, אַז די דראָהונג פֿון דייטשן מיליטאַריזם איז א רעאַלע. נעוויל טשעמבערלען האָט עס בעטאָנט אין זיין רעדע: ערשט מיט א קורצער צייט צוריק האָט ער ענטדעקט די נויטווענדיגקייט אַרויפֿצולעגן אויפֿ׳ן שטייער־צאָהלער די דאָזיגע נייע לאַסט. עס איז אַלזאָ קלאָר, אַז נישט עפּעס אַנדערש, נאָר דער דייטשער מאַרש איבער׳ן רהיין פֿון מערץ איז געווען די סיבה פֿון דער אונערוואַרטעטער העכערונג פֿון שטייער.

די סכנה, וואָס עס דראָהט דעם שלום האָט אויפֿגעהערט צו זיין א טעמע פֿאַר אקאַדעמישע דיסקוסיעס אין לאָנדאָן. זי איז געוואָרן א אומאַנגענעהם רעאַלער פֿאַקט, וואָס צווינגט די ענגלענדער צו עפֿענען זייערע קעשענעס, מיט דעם פּערספּעקטיוו פֿון אַ נייער העכערונג פֿון די לאַסט לטובת דער מלוכה, נאָך אין לויפֿענדן יאָהר. א סך פֿון די, וואָס האָבן ביזאיצט גערעדט מיט גוטמוטיגע מינעס וועגן היטלערס מעשים, ענדערן איצט די מיינונג. קיינער אין ענגלאַנד האָט נישט ליב צו צאָהלען פֿון דער אייגענער קעשענע פֿאַר די פּריווילעגיעס פֿון אַנדערע. דער ענגלישער בודזשעט איז אַלזאָ א אמתער אַקט פֿון אַנטי־דייטשער פּראָפּאַגאַנדע. מען קען זיך אַפֿילו שטעלן די פֿראַגע, צי האָט נישט אַמאָל נעוויל טשעמבערלען מיט א כיוון פֿאַרגעלעגט די קליינע העכערונג פֿון הכנסה שטייער נאָר מיט׳ן ציל אויסצואיבן א איינפֿלוס אויף דער שטימונג פֿון דער עפֿנטליכער מיינונג, ווייל ביי דעם קאַטאַסטראָפֿאַל קליינעם פּראָצענט־זאַץ אויף דעם ענגלישן געלד מאַרק, וואָלט ער לייכט געקענט בעקומען דורך אַ הלואה די סומע אויף צו דעקן די בעוואָפֿנונגס־הלואות נישט אָנריהרענדיג די ביז־איצטיגע שטייער סטאַטוס קוואָ. דאַן וואָלט זיך אָבער די עפֿנטליכע מיינונג נישט געפֿינען אונטער׳ן איינדרוק פֿון דער דראָהענדער סיטואַציע אין אייראָפּאַ, וועגן וועלכער זי הויבט זיך אָן איצט צו פֿערטראַכטן. וואַהרשיינליך וואָלט זי איינגאַנצן דאָס נישט בעמערקט, פֿון דעם שטאַנדפּונקט איז נעוויל טשעמבערלענס שריט זעהר א קלוגער הגם פּאָפּולער וועט ער איהם נישט מאַכן. ער וועט אָבער אויך נישט פֿערגרעסערן די דייטשע פּאָפּולאַריטעט אין וועלכע מען זעהט איצט די סיבה פֿון דער פֿערגרעסערונג פֿון די לאַסטן לטובת דעם מלוכה־אוצר.

די לעצטע סעסיע פֿון ראַט פֿון דער פֿעלקער־ליגע — דאָס פֿערשטעהט מען איצט אין לאָנדאָן — שליסט אָפּ א נייעם קאַפּיטעל פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער געשיכטע אין אייראָפּאַ. דער איטאַליעניש־אַביסינישער ענין געהט אַריין אין סטאַדיום פֿון ליקווידאַציע. די אַלגעמיינע אויפֿמערקזאַמקייט קען זיך אַלזאָ איצט ווענדן צום דייטשן פּראָבלעם, דעם איינציג אמת׳ן פּראָבלעם, וואָס אינטערעסירט איצט אייראָפּאַ. נאָכ׳ן צוריקקומען פֿון זשענעווע מוז זיך אידען איצט פֿערנעהמען מיט דער אויבער־רהיין פֿראַגע. ער האָט אויף זיך גענומען די ראָלע פֿון א פֿערמיטלער צווישן דייטשלאַנד און פֿראַנקרייך. די דאָזיגע ראָלע ווערט אָבער אויסערגעוועהנליך שווער די אונצוטריינבאַרע אין איצטיגן מאָמענט בונדן צווישן פֿראַנקרייך און ענגלאַנד, שליסן איין די ענגלישע פּאָליטיק אויפֿ׳ן קאָנטינענט אין גרעניצן וואָס מאַכן אומעגליך א אויפֿריכטיגע צוזאַמענאַרבייט צווישן דייטשלאַנד און ענגלאַנד. פֿון דער אַנדערער זייט שוין דער פֿאַקט אַליין, וואָס מיניסטער אידען בעמיהט זיך צו מאַכן דעם אָנשטעל, אַז עס געהט איהם פֿאַקטיש אין אַזאַ צוזאַמענאַרבייט, מאַכט איהם שוין אין פּאַריז פֿערדעכטיג. די דייטשע דיפּלאָמאַטיע בעמיהט זיך איבעריגענס אויסצונוצן יעדע געלעגענהייט, בכדי צו מאַכן דעם ענגלישן אויסערן־מיניסטער פֿערדעכטיג פֿאַר די פֿראַנצויזן. בעת זיין לעצטן בעזוך אין לאָנדאָן, האָט ריבענטראָפּ אַלץ געטון, וואָס איז נאָר געווען מעגליך בכדי אונטערצושטרייכן זיין כלומרשטע גוט־פֿריינדשאַפֿט מיט מיניסטער אידען. איצט לאַנסירט בערלין די ידיעה, אַז אידען האָט בדעה צו קומען מיט א וויזיט צו היטלערן, מעגליך, אַז ריבענטראָפּ האָט געבראַכט א איינלאַדונג קיין לאָנדאָן. עס פֿעהלן נישט דאָרט קיין מענשן, וואָס וואָלטען געוואָלט, אַז אידען זאָל פֿאָהרען קיין בערלין, זיי זענען נעמליך אונפֿערבעסערליך אין זייער איבערצייגונג, אַז מען דאַרף בעזיגען דעם פֿיהרער אַפֿילו פֿאַר׳ן פּרייז פֿון נאַכגיביגקייט.

די רעגירונגען פֿון פֿראַנקרייך און ענגלאַנד, הויבן אָן דאָ יאָהר מיט א דיפּלאָמאַטישער מפּלה, צי איז פֿראַנקרייך נישט געצוואונגען צוריקצוציהען זיך פֿון איהר שטאַנדפּונקט וואָס זי האָט פֿערנומען נאָכ׳ן 7. מערץ? צי האָט נישט דאַן דער פֿראַנצויזישער פּרעמיער ערקלערט, אַז זיין רעגירונג וועט נישט צוטרעטן צו קיין שום אונטערהאַנדלונגען, אַזוי לאַנג ווי די דייטשע זאָל ע׳ וועלען זיך געפֿינען אין דער אויבער־רהיין סטרעפֿע? די דאָזיגע שטעלונג האָט זיך נישט געלאָזט אויפֿהאַלטן. און צי האָט נישט ענגלאַנד ערקלערט, אַז די מלחמה אין אַפֿריקאַ מוז זיך ענדיגען אָהן נוצן פֿאַר׳ן אָנגרייפֿער? אויך די דאָזיגע שטעלונג, ווי מיר זעהען עס איצט, איז אויך שוין נישט אויפֿצוהאַלטן, סיי פּאַריז, ווי לאָנדאָן מוזען אַלזאָ זוכען אופֿנים צוריקצוגעווינען זייערע דיפּלאָמאַטישע פּאָזיציעס, פֿון וועלכע עס איז אין א גרויסער מאָס אָפּהענגיג זייער אויטאָריטעט, וואָס האָט לעצטענס שטאַרק געליטען. זיי קענען דאָס דערגרייכן נאָר דורך אַ צוזאַמענאַרבייט, די דאָזיגע צוזאַמענאַרבייט איז איצט מעהר ווי אַמאָל נויטיג סיי צו ראַטעווען נאָך דאָס, וואָס איז נאָך געבליבן פֿון דער פֿעלקער־ליגע, סיי כדי זיך ווירקזאַם אַקעגנצושטעלן דעם בעוואָפֿנונגס געיעג. די עפֿנטליכע מיינונג אין ענגלאַנד איז איצט נישט אַזוי ווייט פֿון דעם ווי מען האָט אין אַלגעמיין געגלויבט. עס איז, אָבער נויטיג, אַז באַלדווין און זיינע חברים זאָלען זיך דעצידירען אויף דרייסטערע אַרויסטרעטונגען ווי ביז איצט. אין זיין לעצטע רעדע האָט דער פּרעמיער געמאַכט דייטליכע אַלוזיעס פֿאַר די, וואָס אָריענטירען זיך אין דער פּאָליטישער לאַגע. עס זעהט אויס, אַז דאָס מודה זיין זיך אין אַ שמערצליכער מפּלה, און צו דער נויטווענדיגקייט וועלכע מען האָט לאַנגע יאָהרען אָפּגעוואָרפֿן, איז זעהר שווער. דאָס וועט אָבער מוזען געשעהן אונטערן דרוק פֿון די פֿאַקטן, וואָס ברעכן דעם ווידערשטאַנד פֿון דער אינדיווידועלער אייגענליבע. ווען מיניסטאָרן שווייגן רעדן פֿאַר זיי די פֿאַקטן.

דער בודזשעט וואָס איז איצט פֿאָרגעלעגט געוואָרן איז א גרויסער שריט פֿאָראויס אויפֿ׳ן גרויסן צוגרייטונגס וועג צום ווידערשטאַנד געגען דייטשן מיליטאַריזם, די ענגלישע בעוואָפֿנונגען האָבן זיך ענדליך אָנגעהויבן. דאָס איז דער איינציגער שאַנס צו פֿערזיכערן דעם שלום אין אייראָפּאַ.

תל־אביב וועט אָרגאַניזירען איהר פֿערטיידיגונג

געשפּרעך פֿון „האַוואַס“־פֿאַרשטעהער מיט׳ן וויצע־בירגערמייסטער רוקח

א פֿאַרשטעהער פֿון דער פֿראַנצויזישער „האַוואַס“ אַגענטור האָט אדורכגעפֿיהרט געשפּרעכן מיט פֿאַרשטעהער פֿון דעם יודישן און אַראַבישן צד אין ארץ־ישראל. דער פֿיהרער פֿון די אַראַבער, דער פּרעזידענט פֿון מוסולמאַנישן קאָמיטעט פֿאַכרי בעי האָט אָפּגעגעבן פֿאָלגענדע ערקלערונג:

„די אונרוהען זענען א רעזולטאַט פֿון א לאַנג־דויערנדען פּאָליטישן מיספֿערשטענדניש, זיי זענען נישט קיין אַנטיסעמיטישע מאַניפֿעסטאַציע און נישט קיין עפּיזאָד אין רעליגיעזן קאַמף. צוויי יאָהרהונדערטער לאַנג האָט צווישן די יודען און אַראַבער אין ארץ־ישראל געהערשט די בעסטע בעציהונגען. די פֿיינדשאַפֿט האָט זיך אָנגעהויבן אין טאָג, ווען דער מיליטער־גובערנאַטאָר גענעראַל סטאָרס האָט געשאַפֿן א געזעץ־סטאַטוט וועגן א יודישער נאַציאָנאַלער היים. בעת עס איז אונטערגעשריבן געוואָרן דער אָפּמאַך פֿון ווערסייל האָט ד״ר ווייצמאַן אין נאָמען פֿון דער יודישער דעלעגאַציע אויסגעדריקט דעם וואונש, אַז עס זאָל אין ארץ־ישראל געגרינדעט ווערען א מלוכה מיט א פֿאָהן, אַרמעע און א יודישער לעגיסלאַטיווער און עקזעקוטיווער מאַכט. דאָס אַראַבישע פֿאָלק, וואָס וויל רוהיג וואוינען אין זיין לאַנד, איז ענטשלאָסן צו פֿערטיידיגען זיין אומאָפּהענגיגקייט געגען דעם ניי־אָנגעקומענעם. דער אַראַבישער קאָנגרעס פֿון 1919 האָט געפֿאָדערט די אָפּשאַפֿונג פֿון דער יודישער נאַציאָנאַלער היים און צו בילדען א דעמאָקראַטיש־פּאַרלאַמענטאַרישע רעגירונג. אַלע שפּעטערע קאָנגרעסן האָבן די דאָזיגע פֿאָדערונג בעשטעטיגט. די אונרוהען פֿון 1919 ערקלערען זיך דערמיט, וואָס די פֿאָדערונג איז נישט בעפֿרידיגט געוואָרן.

די ענגלישע פּאַרלאַמענט קאָמיסיע, וואָס איז בעשטימט געוואָרן אַדורכצופֿיהרען אַן אַנקעטע, האָט פֿאָרגעלעגט, אַז צום שוץ פֿון אַראַבישן לאַנד־בעזיץ, זאָל פֿאַר יעדער פֿאַמיליע פֿעסטגעשטעלט ווערען דער מינימום פֿון 170 אַקער לאַנד. די מאַנדאַט מאַכט האָט דעם פֿאָרשלאַג אָנגענומען. די יודען האָבן זיך געגען דעם אַקעגנגעשטעלט.

שפּעטער אין יאָהר 1933 האָבן די אַראַבער אַלס נאָך געהאַט צו 130 אַקער, בעת די יודען האָבן אויפֿגעקויפֿט 1,250,000 אַקער. נאָך אונרוהען זענען אויסגעבראָכן. היינט איז דער דורכשניט געפֿאַלען אויף 70 אַקער, דאָס איז מיט 60 ווייניגער, ווי עס איז פֿאַרגעזעהן.

צוליב דער דאָזיגער סיבה האָבן מיר א רעכט צו גלויבן, אַז די מאַנדאַט־רעגירונג געפֿינט זיך אונטער דעם יודישן דרוק. די אַראַבער האָבן מורא, אַז פֿריהער אָדער שפּעטער וועט ביי זיי איינגאַנצן נישט בלייבן קיין לאַנד און זיי וועלען זיין געצוואונגען אויסצוואַנדערן. דערמיט ערקלערט זיך אונזערע האַלטונג. מען וואַרפֿט אונז פֿאָר אונזערע מעשים, וואָס קענען מיר אַנדערש טון? מיר האָבן אַרויסגערופֿן אונרוהען, נאָכדעם ווי מיר האָבן געבעטן, געבעטעלט, געדראָהט מיט טויט און אַלץ געטון, וואָס איז נאָר געווען אין אונזער מאַכט. זייט נישט אין טעות: די איצטיגע אונרוהען האָבן גאָרנישט צו טון מיט דער פֿעראַנטוואָרטונג פֿאַר מאָרדען, נאָר זיי זענען צוליב דער לאַנג־דויערנדער פּאָליטיק פֿון צוריקשטויסן און פֿערשטענדניסלאָזיגקייט זעהר נאַטירליך. איצט וועלען די אַראַבער ווייטער פֿיהרען דעם קאַמף ביז צו דער אַנערקענונג און פֿערווירקליכונג פֿון זייערע אַנשטרענגונגען מיט אַלע מיטלען, מיט געזעצליכע אָדער אונגעזעצליכע מיט ערלויבטע אָדער פֿערבאָטענע“.

אַלס דער אַראַבישער פֿיהרער האָט ווייטער גערעדט וועגן דער מעגליכער ענטוויקלונג האָט ער צוגעגעבן: „ענגלאַנד מוז געווינען די סימפּאַטיע פֿון אַראַבישן פֿאָלק, ווען נישט וועלען די אַראַבער אויפֿהערען צו שטעהן אויף ענגלאַנדס זייט און ביי דער נאָהענטסטער פּאָליטישער געלעגענהייט, וועלען זיי בעטראַכטן ענגלאַנד אַלס דעם הויפּט־שונא“.

דאַן האָט דער „האַוואַס“ פֿאַרשטעהער געהאַט א געשפּרעך מיט דעם וויצע־בירגערמייסטער פֿון תל־אביב רוקח, וועלכער האָט ערקלערט:

„מיר זענען די יונגסטע שטאָט אויף דער וועלט. מיר האָבן נישט געפֿינען נישט קיין גאָלד און נישט קיין דימאַנטען; מיר זענען נאָר געקומען אין אונזער אַלטע היימאַט אין מיטן פֿון דעם זאַמד פֿון דער מדבר אויפֿצובויען. אויב מיר זענען איצט 150,000 מענשן האָבן מיר דערמיט קיינעם נישט קיין שלעכטס נישט געטון, ווען מיר האָבן פֿון אונבעוואוינטע געגענדען דורך אונזערע אַרבייט געמאַכט א פּרוכטבאַר לאַנד. תל־אביב איז איצט פֿאַר אונז און פֿאַר די אַראַבער א קוואַל פֿון רייכטום. פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער קולטור האָבן מיר אַזוי אַרום פֿערווירקליכט א גרויס ווערק, ווייל מיר זענען די איינציגע שטאָט אין מזרח, וואָס האָט איינגעפֿיהרט בחנם׳דיגע און אַבליגאַטאָרישע שולען און דעריבער זענען מיר פֿון אַלע זייטען, הגם מיר שטעהען אונטער דעם ענגלישן מאַנדאַט, אַרומגערינגעלט, בעת מען האָט אונז צוגעזאָגט צו וואַכען איבער אונזער זיכערהייט. די געשעהענישן זענען שרעקליך. עס איז נישט געווען קיין קאַמף מאַן געגען מאַן, געוואַלדטאַט געגען געוואַלדטאַט, ווייל מיר זענען פֿרידליך און האָבן אין זין נאָר קאָנסטרוקטיווע צילען. די קרבנות, פּלוצלינג אָנגעגריפֿען און דערמאָרדעט.

דאָך וועלען מיר זיך נישט אָפּשטעלן פֿון אונזער אַרבייט, וואָס דינט דעם וואוילשטאַנד פֿון אַלע ווייל מיר גלויבן, אַז די גערעכטיגקייט איז אויף אונזער זייט. מיר בעדויערן זעהר, וואָס די אומפֿעראַנטוואָרטליכע פֿערזאָנען, וועלכע זענען די העצער צו די אונרוהען, ווערען נישט בעשטראָפֿט פֿאַר די פֿערברעכענס לגבי א פֿרידליכער בעפֿעלקערונג. מיר האָפֿן, אַז דאָס וועלט־געוויסען וועט אויסאיבן א דרוק אויף דער ארץ־ישראל רעגירונג בכדי אונמעגליך צו מאַכן ענליכע פֿערברעכענס.

בכדי צו פֿערבעסערן די לאַגע און צו פֿערקלענערען די ריזיקאַ, איז די שטאָט־פֿערוואַלטונג אין דער מיינונג, אַז עס איז נויטיג, אַז תל־אביב זאָל ווערען א קרייז־שטאָט. ביז דאַן אָרגאַניזירט תל־אביב איהר פֿערטיידיגונג מיט דער הילף פֿון פֿריי־וויליגע, וואָס זענען גרייט, אין פֿאַל פֿון א סכנה מקריב צו זיין זייער לעבן“.

ווי גרויס זענען די לופֿט־פֿלאָטען פֿון די אייראָפּעאישע מלוכות

אין שייכות מיט דעם בעגייסטערטן בעוואָפֿנונגס געיעג ציהט בעזונדערס די אויפֿמערקזאַמקייט די פֿערשטאַרקונג פֿון א לופֿט פֿלאָט פֿון די פֿערשידענע מלוכות. דער פּאָלקאָווניק פֿון עסטרייכישן גענעראַל שטאַב קרעמער ברענגט אין „נויעס ווינער זשורנאַל“ א רייהע אינטערעסאַנטע ציפֿערן וועגן דער דאָזיגער פֿראַגע.

אין 1914 שרייבט דער עסטרייכישער קריגס אויטאָריטעט — האָט דייטשלאַנד אָנגעהויבן די מלחמה מיט 206 אַעראָפּלאַנען, וואָס האָבן געהאַט א שנעליגקייט פֿון 80 קילאָמעטער אין א שעה. דאָס געוויכט פֿון די באָמבעס, וואָס מען האָט געוואָרפֿן פֿון די אַעראָפּלאַנען האָט בעטראָפֿן 3,5 קילאָ, די הויך אויף וועלכער די אַעראָפּלאַנען האָבן זיך אויפֿגעהויבן איז נישט איבערגעשטיגען קיין 800 מעטער. די אַעראָפּלאַנען אינדוסטריע האָט געקענט פּראָדוצירען 50—60 אַעראָפּלאַנען אין א חודש. זייט דאַן זענען פֿערביי צוויי צעהנדליג יאָהר אין משך פֿון וועלכע די אַעראָפּלאַנען אינדוסטריע האָט דערגרייכט א פֿולשטענדיג אונפֿאָראויסגעזעהענע ענטוויקלונג. איצט זענען פֿערהאַן א מאַסע נייע אַעראָפּלאַנען טיפּן, צושטערער באָמבען אַעראָפּלאַנען פֿון לייכטן מיטעל און שווערען טיפּ.

דער גרעסטער פֿון די ביז איצט בעקאַנטע באָמבען אַעראָפּלאַנען, איז דער איטאַליענישער אַעראָפּלאַן „סאַוואָיאַ“ וואָס נעהמט מיט זיך 30 טאָן און האָט א שנעליגקייט פֿון 200 קילאָמעטער אין דער שעה, ער קען אָפּפֿליהען נישט לאַנדענדיג זיך 1050 קילאָמעטער און אויפֿהויבן זיך אויף א הויך פֿון 2,500 מעטער. ער האָט 8 מאָטאָרען צוזאַמען פֿון 6000 פֿערדקראַפֿט.

דער נייער טיפּ אַעראָפּלאַנען פֿאַר פֿערשידענע צילען קען אויספֿיהרען אָהן ספּעציעלן איבערבוי די ראָלע פֿון באָמבען אַעראָפּלאַנען, צושטערער און אויסשפּיר אַעראָפּלאַנען. א מוסטער פֿון די אַעראָפּלאַנען איז דער ענגלישער „האָוקער הערבי“, פֿאַר צוויי פֿליהער, 2 מאַשינען געוועהרען און 250 קילאָ באָמבעס. זיי פֿליהען מיט דער שנעליגקייט פֿון 305 קילאָמעטער אין א שעה און הויבן זיך אויף אויף א הויך פֿון 6900 מעטער און בעזיצען א פֿליה־ראַדיוס פֿון 600 קילאָמעטער מיט אַ מאָטאָר פֿון 525 פֿערד־קראַפֿט.

די באָמבעס (אויפֿרייסנדע, אָנצינדענדיגע און גאַז־באָמבעס) פֿון געוויכט אנהויבענדיג פֿון 3,5, 10, און 50 א. אַז. וו. קילאָ ביז 1000 קילאָ יעדע געפֿינען זיך אונטער די קאַבינען פֿון אַעראָפּלאַנען און ווערען אַראָפּגעוואָרפֿן אויף א מעכאַנישען אָדער אויטאָמאַטישען אופֿן.

די היינטיגע אַעראָפּלאַנען זענען איינגאַנצן געבויט פֿון לייכטן מעטאַל (דוראַלומיניום) און שטאָהל. א חוץ די אונבעוועגליכע מאַשינען געוועהרען געפֿינט זיך אויף דעם פֿראָנט פֿון אַעראָפּלאַן צוויי בעוועגליכע מאַשינען געוועהרען בכדי צו קענען שיסן אַרויף און אַראָפּ.

דער פֿראַנצויזישער לופֿט פֿלאָט בעשטעהט פֿון אַניערך 5800 מאַשינען דערונטער 720 באָמבען אַעראָפּלאַנען און 80 צושטערער פֿון דער ערשטער ליניע. ביז צום סוף 1936 דאַרף דער פֿראַנצויזישער לופֿט פֿלאָט דערגאַנצט ווערען מיט 3000 ניי מאָדערנע באָמבען אַעראָפּלאַנען און אַעראָפּלאַנען צו פֿערשידענע צילען. דער ענגלישער לופֿט פֿלאָט וועט פֿערגרעסערט ווערען אויף 1750 פֿון ערשטער ליניע. 20 אַעראָפּלאַנען פֿאַבריקען וועלען ביז צום סוף יאָהר דערגאַנצן דעם ענגלישן לופֿט פֿלאָט ביז 3850 אַעראָפּלאַנען. דער איטאַליענישער לופֿט פֿלאָט האָט אין אָנהויב פֿון פֿערגאַנגענעם יאָהר געהאַט 2,100 אַעראָפּלאַנען. זייט דער מלחמה אין אַפֿריקאַ איז געוואַלדיג פֿאָרסירט געוואָרען די פּראָדוקציע פֿון נייע אַעראָפּלאַנען און די מאַנשאַפֿט פֿון לופֿט פֿלאָט איז דערפֿיהרט געוואָרען ביז 40,500 מאַן. דער איטאַליענישער לופֿט פֿלאָט וועט אין זומער פֿון לויפֿענדן יאָהר בעשטעהן פֿון 4000 אַעראָפּלאַנען.

אין ראַטען־פֿערבאַנד וועט ביז צום סוף יאָהר פֿערענדיגט ווערען נאָך 1060 אַעראָפּלאַנען, אַזוי אַז דער סאָוויעטישער לופֿט פֿלאָט וועט בעשטעהן פֿון 5360 אַעראָפּלאַנען, אויב מען זאָל צורעכענען די אַעראָפּלאַנען פֿון ציווילן לופֿט פֿלאָט, האָט דער סאָוויעטישער לופֿט פֿלאָט 6200 מאַשינען. מיט א קורצער צייט צוריק האָט די ראַטען רעגירונג פֿערגרעסערט די צאָהל פֿון ריזיגע טראַנספּאָרט אַעראָפּלאַנען וואָס הויבן אויף 70 מאַן. אין סאָוויעטישן לופֿט פֿלאָט איז שטאַרק ענטוויקעלט דאָס בענוצען זיך מיט די אַזוי גערופֿענע „לופֿט צוגען“ וואָס בעשטעהען פֿון איין מאָטאָר אַעראָפּלאַן און 5 ביז 7 אַעראָפּלאַנען אָהן מאָטאָרען פֿון וועלכע עס שפּרינגען אויף דער ערד די פּאַסאַזשירען (מיט פֿאַלשירעמס) דער סאָוויעטישער לופֿט פֿלאָט האָט 2500 פּאַראַשוטיסטען און דער „אָסאָאַוויאַכים“ האָט שוין בעוויזען אויסצולערנען 60,000 פּאַראַשוטיסטען.

טשעכאָסלאָוואַקיען האָט מעהר ווי 1300 אַעראָפּלאַנען, בעלגיען מעהר ווי 940, האָלאַנד 400 רומעניען — 940, יוגאָסלאַוויען — 840, שוועדען און שפּאַניען — צו 500, די שווייץ — 250, נאָרוועגען — 200, פּאָרטוגאַל — 180, פֿינלאַנד און גריכענלאַנד — צו 120, דענעמאַרק — 60, עסטרייך, אונגאַרען און בולגאַריען איז אָפֿיציעל פֿערווערט צו האָבן א לופֿט פֿלאָט.

דער נאַטשאַלניק פֿון גענעראַל שטאַב פֿון דער רויטער אַרמעע טוכאַטשעווסקי האָט אין דער „קראַסנאַיאַ זוועזדאַ“ נאָך מיט אַ יאָהר צוריק אָפּגעשאַצט די צאָהל פֿון דייטשן לופֿט פֿלאָט אויף 3,700 אַעראָפּלאַנען. לויט דעם פֿראַנצויזישן גענעראַל מאַרען מאַכען די דייטשע אַעראָפּלאַנען פֿאַבריקען טעגליך פֿערטיג 15 אַעראָפּלאַנען. לויט דעם חשבון קומט אויס, אַז דער דייטשער לופֿט פֿלאָט בעשטעהט שוין איצט פֿון איבער 8000 אַעראָפּלאַנען.

25,000 פֿונט בעשטימט אויף בויען שאָסעע יפו—חיפה

לאָנדאָן (יט״א). דער קאָלאָניען מיניסטער טהאָמאַס האָט, ענטפֿערענדיג אויף דער אינטערפּעלאַציע פֿון דעפּ. סטריקלענד ערקלערט, דאָס די רעגירונג האָט אַסיגנירט אַ סומע פֿון 25 טויזענט פֿונט אויף די בוי־קאָסטן פֿון שאָסעע אין לויפֿענדן יאָהר. אויב די פֿינאַנציעלע לאַגע וועט ערלויבן, וועלען אויף דעם צוועק בעשטימט ווערען נאָך ווייטערע קרעדיטן.

פראַנץ יאָזעפ'ס שנור

רעכט אויף סורות וועגן איהר מאַנ'ס אויסגעלאַסענעם לעבען און זיין זעלבסטמאָרד

(סוף)

[illegible] פאַרגאַפּיהל איז בעווען אַ ריכטיגער [illegible] מאָרגענס איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע [illegible] פּרינץ, אין וועלכער ער האָט געשריבען [illegible] פרוי, זי זאָל זאָגען דעם קייזער, אַז ער [illegible] אַהיימקומען, ווייל ער מאַכט אַ רייזע [illegible] מיט זייבעם אַ פריינד.

[illegible] גרויספירשטין האָט גלייך דערפיהלט, אַז [illegible] נישט גלאַטיג מיט איהר מאַן, און זי [illegible] אויסגעשיקט אַ דאָקטאָר פון ווין קיין מער[illegible] ער זאָל געבען הילף איהר מאַן, אויב [illegible] איז עפּעס געשעהן.

[illegible] האָט געוואָלט אַליין אַרויספאָהרען צו [illegible] אָבער זי האָט מורא געהאַט, ווייל ער האָט [illegible] געזאָגט פריהער, אַז ער וויל זי נישט האָבען [illegible]

[illegible] געווען אין אַ מאָרגען־שטונדע ביי [illegible] פון בעזאַגג, וואָס זי האָט גענומען ביי [illegible] זיק־לעהרערין ניקלאָס קאָמפּנער. כאָטש [illegible] איז געווען טרויעריג אויפן האַרצען, האָט [illegible] אָנגעהן מיט'ן הויף־לעבען און זינגען [illegible] בעשטימטער שעה ווי יעדען טאָג.

[illegible] פראַנץ יאָזעפ'ס הויף האָט זיך בעפיהרט [illegible] טרענג, מיט אַלע פּיטשעוקעס און צערע[illegible] פון אַ קייזערליכען הויף אין די אַלטע צייט[illegible] שום זאַך האָט נישט געטאָרט ווערען [illegible] טראָגען אין דער עפענטליכקייט. די קייזער[illegible] פאַמיליע האָט נישט געטאָרט האָבען קיין [illegible] איבערלעבענישען. אַלץ האָט געדאַרפט [illegible] ווערען לויט דער איינגעשטעלטער צערעמאָ[illegible] ווי, אַז דאָס פאָלק זאָל מיינען, אַז די גאָט[illegible] זענען גליקליך און צופרידען אין זיי[illegible] פּאַלעסער און פּאַלאַצען.

[illegible] קאַמער־פרוי איז אַריינגעקומען אינמיטען [illegible] זאַנג־שטונדע. איהר פּנים איז געווען ערנסט, [illegible] די גרויספירשטין אַוועקגעפיהרט אין אַ [illegible] צימער און געזאָלט איהר עפּעס איבער[illegible] אָבער די גרויספירשטין האָט נישט געוואַרט [illegible] וועט איהר עפּעס זאָגען, נאָר אַליין גע[illegible] וואָס זי האָט געפיהלט.

— ער איז טויט! — האָט זי אויסגעשריען.

[illegible]

לען אין אַ גאַנג טאָג, ווי ער וואָלט וועלען זיך אַריינלאָזען אַ קויל אין קאָפּ אַריין.

מ'קען זיך פאָרשטעלען ווי צובראָכען ס'זענען געווען די עלטערן צוליב'ן טויט פון זייער זוהן, דעם קרוינפּרינץ, אָבער אַפילו אין דעם אומגליק האָבען זיי זיך נישט אויסגעגעבען און אָנגע־האַלטען די קייזערליכע ווירדע. זיי זענען געווען איינזאַם אין זייערע לײַדען.

שפּעטער האָט מען געבראַכט אין פּאַלאַץ צום קייזער אויף אַנ'אויספאָרשונג די מוטער פון דער דערשאָסענער מאַריע פעטסעראַ, די געליבטע איז געווען אַ באַראָנעסע, אַנ'אַרמענערין, וואָס האָט אויסגעזעהען ווי אַ ציגיינערין און געווען אַ בילד־שעהנע ברונעטקע. די מוטער פון דער דערשאָסע־נער טאָכטער איז געווען אומגליקליך צוליב איהר טאָכטער'ס טויט און דערשראָקען, מען זאָל זי נישט בעשטראָפען. מען האָט זי אויסגעפרעגט וועגען איהר טאָכטער אין געגענוואַרט פון דער אלמנת נאָכ'ן קרוינפּרינץ. דאָס צונויפפיהרען איהר מיט דער מוטער פון איהר מאַנ'ס געליבטע איז פאַר דער גרויספירשטין געווען טראַגיש. זי איז אינגאַנצען געווען צובראָכען.

שפּעטער האָט מען איהר איבערגעגעבען אָפיציעל דעם לעצטען בריף, וואָס איהר מאַן האָט איהר איבערגעלאָזט פאַר זיין זעלבסטמאָרד.

„ליבע סטעפאַניע, — האָט ער געשריבען, — ענדליך ווערסטו פריי פון מיר און פון די צרות, וואָס איך האָב דיר פערשאַפט. זיי גליקליך אויף דיין שטייגער. זיי אַ גוטע מוטער פאַר אונזער טעכ־טערל, וואָס איז דאָס איינציגע, וואָס בלייבט נאָך מיר. גיב איבער מיין לעצטען גרוס צו מיינע פריינד, וועלכע איך רעכען אויס. איך געה רוהיג צום טויט, וואָס נאָר ער אַליין קען פיליכט ראַטע־וועט מיין גוטען נאָמען. איך גריס דיך הערצליך, דיין ליבענדער רודאָלף".

די אַלמנה שילדערט איהר טראַגיש לעבען ביי איהר מאַן. זי האָט זיך בעמיהט איהם צוצוציהען צו זיך, אָבער ער האָט נישט געוואָלט וויסען פון קיין היים און פון קיין פאַמיליע. נאָך בחור־ווייז האָט ער געפיהרט אַ זעהר אויסגעלאַסען לעבען, און געהאַט אַ סך פרויען. זיין פאָטער, האָט ער געזעהן, אַז אויסערליך זאָל אַלץ זיין גוט און וואויל. ער האָט בעקושט זיין פרוי פאַר'ן אַוועק־געהן, ווען מענשען האָבען געזעהען, אָבער ווען ער איז געווען אַליין מיט איהר, האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט קיין גוט וואָרט פאַר איהר.

ווען זי האָט געדאַרפט געבוירען איהר ערשט קינד, איז ער געוואָרען צו איהר בעסער און זי האָט געגלויבט, אַז איהר מזל שיינט אויף. אָבער ווען זי האָט איהם געבוירען אַ טאָכטער און נישט קיין זוהן, ווי ער האָט געוואָלט, איז ער געוואָרען אין כעס אויף איהר און צוריק געוואָרען דער איי־גענער וואָס פריהער.

ווי די גרויספירשטין שרייבט, איז איהר מאַן געווען אינטעליגענט. ער האָט אויך ליב געהאַט ליטעראַטור און קונסט. אָבער ער איז געווען אַ מענש אָהן מאָראַל, אַ ציניקער, וואָס האָט נישט געהאַט קיין געפיהל פאַר יושר און מאָראַל. פרעמ־דע ליידען האָט ער נישט געפיהלט. ער האָט אויס־געלאַכט יעדער גלויבען און רעליגיע. ער האָט זיך אַרומגערינגעלט מיט לייכטזיניגע מענשען. ווי מען זעהט פון איהרע בעשרייבונגען, זאָל איהר מאַן אויך האָבען געהאַט מאָדערנע אנשויאונגען. אַ ליבעראַלען קוק אויף זאַכען, וואָס זענען אין קייזערליכע הויפען פרעמד. זי דערצעהלט, אַז ער האָט צווישען זיינע פריינד געהאַט פיל ליבע־ראַלען, וועגען וועלכע זי רעדט מיט האַס.

די אַלמנה דערצעהלט אויך, אַז איהר מאַן רודאָלף, האָט זיך אַ צייט געגרייט צום טויט. אָבער ער האָט נישט געוואָלט שטאַרבען אַליין, נאָר מיטנעמען מיט זיך נאָך עמיצן. ער האָט געפרעגט ביי זיין געליבטער מאַריע פעטסעראַ, צי זי וויל טיילען זיין גורל. דאָס מיידעל, אין איהר ליבע, האָט איינגעשטימט. דערביי איז אינטערעסאַנט, אַז מאַריע איז גאָרנישט געווען רודאָלפ'ס קיין צוּ־

קיין געטרייע איינצעלהייטען וועגען דעם, וואָס ער פלעגט ביי פרויען. קיין פרוי האָט איהם נישט געקענט. מאַריע איז געווען איינע פון אַ סך, וואָס האָט איהם געליבט. און זי איז געווען גליקליך מיט איהם צו שטאַרבען, ווען ער האָט זי געבעטען דאָס צו טון. די אַלמנה, כאָטש זי האָט צו דער פערשטאָרבענער אַ ביין האַרץ, רעדט מיט פערעהרונג וועגען מאַריעס אָפּפערווילליגקייט.

קיין גענויע איינצעלהייטען וועגען דעם, וואָס עס האָט דערפיהרט דעם גרויספירשט צו זעלבסט־מאָרד, גיט די שרייבערין נישט אָן. נאָר, ווי מען קאָן אַרויסלייענען פון צווישען די שורות, זעהט מען, אַז דער קרוינפּרינץ איז געווען אַ מענש אַ מאָדערנער, וואָס האָט זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין קייזערליכען הויף.

אַביסעלע קיבּיץ

(הומאָר פון טאָג)

אין שוהל

— נאָך וועמען זאָגסטו קדיש, משה?

— נאָך אַ רייכען קינדערלאָזען מאַן. איך קריג גוט בעצאָהלט דערפאַר.

— אָבער ווי קאָנסטו זאָגען קדיש? דיינע עלטערן לעבען דאָך נאָך!

— אַט טאַקע דערפון לעבען זיי, מיינע עלטערן....

ער ווייזט וואונדער

— איהר זעהט אַט יענעם בחור'ל? ער ווייזט רע־געלע וואונדער, ממש אַ מכשף.

— וואָס איז דען?

— ווען ער קומט צו נאָהענט צו אייך, וועט איהר גאָרנישט בעמערקען ווי ס'געלד וואָס ליגט ביי אייך אין פאַקעט, וועט זיך געפינען ביי איהם אין פאַקעט.

צווישען פריינד

ערשטער פריינד: איך מוז דיר זאָגען, מיין ליבער פריינד, אַז דו ביזט אַנ'עזעל.

צווייטער פריינד: טאַקע? אָבער זאָג מיר, בין איך דיין פריינד, ווייל איך בין אַנ'עזעל, אָדער בין איך אַנ־עזעל, ווייל איך בין דיין פריינד?

זכרונות פון שלום-עליכם'ס ברודער וועגען שלום-עליכם

מאָסקווע, (יט"א). דער 72־יעהריגער וואָלף ראַבינאָוויטש אַ ברודער פון שלום־עליכם, האָט פער־ענדיגט אַ בוך זכרונות אונטערן נאָמען „מיין ברודער שלום עליכם". דאָס בוך וועט ערשיי־נען צום 20־טען יאָהרטאָג פון שלום עליכם'ס טויט, וואָס פאַלט אוים היינטיגעס יאָהר.

וואָלף ראַבינאָוויטש, פיגורירט אין שלום עלי־כם'ס „מאָטעל פּייסי'ס דעם חזנ'ס". אונטערן נאָמען ועוויק און „שוואַרצער קאָטער" — אַ צונעמעניש.

וואָס שלום עליכם האָט איהם געגעבען נאָך אין זיינע קינדער־יאָהרען וואָלף וועוויק איז מיט פינף יאָהר עלטער פון שלום עליכם'ען און האָט גע־האַט אויף דעם שרייבער אַ גרויסע ווירקונג. נישט נאָר איז וואָלף ראַבינאָוויטש אויסערליך אַ לעבעדי־גע קאָפּיע פון זיין ברודער, נאָר ער פערמאָגט אויך זיין הומאָר, זיין רעדענסאַרט, זיינע מינעס און תנועות.

ווי עס געפינען איבער מענשען וואָס האָבען גע־האַט די געלעגענהייט צו לעזען וואָלף ראַבינאָוויטשעס זכרונות אין מאַנוסקריפּט — דערמאָהנט דאָס ווערק לויט סטיל און אינהאַלט ביז גאָר שלום עליכם'ס דעם דיכטער'ס פריהצייטיגער טויט האָט איבערגער־ריסען דעם פאָדעם פון דער וויכטיגער פאָרטזע־צונג פון זיין ביאָגראַפיע. וואָלף־וועוויק דערציילט אין זיין בוך פיל פון דעם, וואָס שלום עליכם האָט נישט בעוויזען צו דערצעהלען.

יעדער העלד פון שלום־עליכם'ס ווערק איז זיין ברודער וואָלף גוט בעקאַנט געווען אין לעבען. אמאָל אונטער זייערע אייגענע נעמען און אמאָל אונטער געענדערטע דורך שלום עליכמ'ען. אין זיין בוך זכרונות בעשרייבט וואָלף ראַבינאָוויטש אַ גאַנצע ריה פּראָטאָטיפּען פון שלום עליכם'ס העלדען מנחם מענדלען, מאָטעל פּייסי דעם חזנ'ס, מנשה דעם סופר דעם שוואַרצען קיסער און אַ סך אנדערע, אויסער דעם זענען אין בוך פאַראַן געלונגענע כאַראַקטעריס־טיקעס פון שלום עליכם'ס פאָטער נחום וועוויקס, פון שלום־עליכם'ס פרידער און שוועסטער, ליבליכע און נישט ליבליכע, פון קרובים און בעקאַנטע, פון דער סביבה און עפּאָכע אין וועלכער שלום עליכם האָט געלעבט.

דאָס בוך פיהרט אויך אריין דעם לעזער אין שלום עליכם'ס שעפערישער לאַבּאָראַטאָריע און ווייזט אָן פון וואַנען שלום עליכם האָט געשעפּט מאַטער־יאַל, טעמעס און אָפטמאָל פערטיגע סוזשעטען פאַר אַ סך פון זיינע ווערק, פון וואַנען עס האָבען זיך גע־נומען די דערצעהלונגען „דאָס מעסערל", „דאָס פּיד־געלע" „דער זייגער". גאַנצע קאַפּיטלען פון „מאָ־טעל פּייסי דעם חזנ'ס" און פיל אנדערע.

שלום ראַבינאָוויטש זכרונות גיבען פיל וויכטיגע מאַטעריאַל פאַר־דער אויספאָרשונג פון שלום עליכמס פערזענליכער און קינסטלערישער ביאָגראַפיע און איז אַ וויכטיגער ביטראַג צו דער יודישער מעמואַרען־ליטעראַטור בכלל.

שלום עליכמס ברודער וואָלף ראַבינאָוויטש, וואוינט שוין באַלד 50 יאָהר אין בערדיטשעוו, די אַלע 50 יאָהר האָט ער זיך בעשעפטיגט מיט הענדשעקעס מאַכען. פאַר זיינע הענדשקעס האָט ער אין זיין צייט בעקומען צוויי מעדאַלען אויף אויסשטעלונגען אין האָלאַנד און אַ גרויסע גאָלדענעם מעדאַל מיט אַ דיפּלאָם אויף דער פּאַריזער אויסשטעלונג אין 1909. ביז דער רעוואָלוציע האָט ער געהאַט אַנ'איי־גענע מעכאַניזירטע הענדשקעס פאַבריקעל אין בער־דיטשעוו, אין 1918 יאָהר האָבען די פּעטליוראָווצעס געמאַכט אַ תל פון דעם פאַבריקעל און פון זיין גאַנץ ביסעל ווירטשאַפט. היינט צו טאָג איז וואָלף ראַבי־נאָוויטש דער פערוואַלטער פון הענדשקעס־צעך אין איינעם פון די בערדיטשעווער האַנדווערקער־אַרטע־לען. דער 72־יעהריגער ראַבינאָוויטש איז נאָך פול־שטענדיג אַרבייטספעהיג. פאַר לערנען יונגע אַרביי־טער איז ער עטליכע מאָל פּרעמירט געוואָרען, לעצ־טענס איז ער צוגעשטאַנען צו דער סטאַכאַנאָוו־בע־וועגונג. צווישען די פּאַרטרעטען פון די אָנגעזעהענ־סטע סטאַכאַנאָווצעס, וואָס זענען אויסגעהאַנגען אין קלוב פון בערדיטשעווער קאָאָפּעראַציע, הענגט אויך דער פּאָרטרעט פון „וועוויק דעם סטאַכאַנאָוויעץ".

דאָן-דאַמינגאַ

ראָמאַן

[illegible]

שווערקייט אין זיך, אַ משא, וואָס דערקוועטשט און דערדריקט איהם.

דורך דער זייט פון דער היגטערטיר איז ער צו, צוגעשפּאַרט זיין שטערן צו דער וואַנט און זיך צער־וויינט, אָהן אַ שיער קוואַלען האָבען זיך געעפענט פון זיינע אויגען, און דאָס גאַנצע האַרץ האָט זיך צעשמאָלצען און אַרויסגערונען מיט זיינע טרעה־רען, דאָס האָבען געוויינט זיינע אַלע יאָהרען פון קינדהייט־אָן ביז אויף דעם היינטיגען טאָג. זיין גאַנ־צער כעס און האַס האָט נאָכגעלאָזט, ווי עס לאָזט דער פראָסט, ער האָט געוויינט און גוט געווען צו דער וועלט. יעדע פינטעלע פון נקמה איז צעשוואומען געוואָרען אין זיינע טרעהרען שטראָמען. ער האָט גע־פיהלט אַ דערליכטערונג, אַז עפּעס וואָרען שווערע, שווערע שטיינער אַראָפּגעשוואָנקט פון איהם. אַז זיין נשמה וועט זיך באַלד אויפהויבען, אַזוי גרינג און לייכט און מיט דער נשמה, ער איז געווען זיכער, אַז זי, אַנדזשע, וועט דאַרפען דורכגיין די טיר און וועט איהם טרעפען וויינען. נאָר זי וועט נישט ביזז זיין, פערקעהרט, זי וועט גוט זיין צו איהם, זי וועט הערען מילד און איהם וועט ווערען העל פון איהרע קלאָרע אויגען. זי וועט זיך בייזערען אויף איהם מיט גוטס־קייט און ער וועט זיך נישט שעהמען, וועט וויינען, וויינען, ווי אַ קליין קינד און זי וועט אונטער האַלטען איהרע הענט און אויפכאַפּען זיינע טרעהרען און זיי פערזופּען, צי זיי וועלן געזאָלצן, וועט זי

קנאַקען מיט די ליפּען און זיך צעוויגען מיטן קעד פעל און זאָגען: בע'טעמט, בע'טעמט.

נישט אַנדזשע און נישט קיינער פון דער שטוב זענען אַרויסגעקומען. פונהעסטוועגען איז איהם זעהר גרינג געוואָרען, ממש ווי ער וואָלט געווען פון פע־דערען. ער האָט מסכים געווען צו זיין אייגענעם פאַר־שלאָג. אַז ער זאָל אַריינגעהן איינוויניג, וואָס האָט ער מורא צו האָבען? אַז אויפעסען וועלען זיי איהם נישט.

געמיינט האָט דאַניע אַז ווי נאָר ער וועט אָנ'עפענען די טיר, וועלען זיך אַלע איבעראַשען און די מאַדאַם וועט געבען „צו לייזען" אַ פּאָר גוטע קללות און אויף אַ צוליג: אַ שמייכעל. דער פּאַטראָן וועט אַרויפהויבען די שוואַרצע ברילען און שאָקלען מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט מוחל געזאָגט, און אַנדזשע וועט זיך גאָר, גאָר צעשמייכלען.

אָבער געטראָפען האָט ער גאָר אַנדערש. מ'האָט איהם אויפגענומען, גלייך ווי ער וואָלט גאָר קיינמאָל נישט אוועק און אפילו נישט אַרויס. דער באַלעבאָס האָט געקרעכצט, אָבער דאַניע האָט געפיהלט אַז די קרעכצען זענען נישט אויף זיין חשבון, און אַנדזשע? זי איז געזעסען ווי אין אַ בראַנד צווישען זיפּצענ־דיגע טאַטע־מאַמע.

— בא'נאָיטי! — האָט ער געשטאַמעלט נאָך אַ רגע וואַרטען. אַנדזשע האָט נישט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, אָבער ער האָט געפיהלט אַז דאָס איז נישט פון שמאָלצקייט, — האָט דאַניע איהר פערגעבען.

ראָזינע האָט זיך אָבער אָנגערופען צו איהם אַזוי פשוט, ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען פאָרגעקומען.

— ניי, דאָמינגאָ, די קראָם איז אַליין און גיב אַכטונג, אַ קונה...

האָט דאַניע געפאָלגט און געגאַנגען, אייגענטליך האָט זיך דאַניע פאַרגעשטעלט אַז אַזוי וועט עס זיין. ער האָט געפיהלט אַז אַנדזשע איז עפּעס געקומען מיט אַ שווער געמיט און אַזוי פלעמען ליגט אַ פּור שטיי־

נער אויפן האַרצען, אפשר שלאָגט ער איהר, דער אויסגעוויסטער יאָלד, דער מאַן איהרער. און מאָר־גען: וואָס מעהר ער האָט געפיהלט, אַז טאַטע־מאַמע און טאָכטער איז שווער אויף די הערצער, אַלץ לייכ־טער איז איהם געוואָרען און גרינגער.

ער האָט גערעכענט אַז דאָס גרינגקייט איז צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך אויסגעוויינט, האָט ער גע־פרוהרט אין דער קראָם כאַבאָמאָל וויינען. אָבער עס זע נען שוין קיין טרעהרען נישט געווען און חוץ דעם, האָט אין האַרצען אויפגעטייעט אַנ'אומבעשטימטע פרייד, האָט ער גענומען בעקרעכצען אַנדזשעליטעס גורל און אָנשאַרפען די האַק פונם פליישקלאָץ, וואָס איז דורך דער צייט שיער פאַרזשאַווערט געוואָרען.

נאָך מעהר ווי אַנדזשע, האָט דאַניען אַליין גע וואונדערט פון די אַלע אויפגעקלערטע רייד, וואָס ער האָט צו איהר געהערט.

עס האָט איהם אויסגעוויזען, אַז זיינע אויערען הערען צום ערשטען מאָל, וואָס זיין צונג רעדט, און ער האָט קיינמאָל נישט געוואוסט אַז ער וויסט אַזוי פיל וועגען פּאָליטיק, נישט ערגער, ווי אַ געבוירע־נער...

דאָס איז געווען אויף צומאַרגענס. דאַניע איז געשטאַנען אין דער קראָם. נישט בלויז ביי דער אָפּ־טיילונג פון פליש, נאָר אומעטום זענען געווען זיינע אויגען. דער פּאַטראָן און די פּאַטראָנאַ זענען נישט געווען. געגאַנגען זענען זיי צום אַדוואָקאַט מכוח אַ ענין וואָס איז דאַניען נישט בעוואוסט געווען, און אַנדזשעליטאַ וואָס האָט לכתחילה אויך בעשטימט מיטצוגעהן צום אַדוואָקאַט (וואָרום עס האָט זיך דאָך געהאַנדעלט אין איהר), האָט זיך די לעצטע מי־נוט פאַר עפּעס פערשעהמט און האָט צוריקגעצויגען איהר בעשלוס, זענען נאָר טאַטע־מאַמע אַוועק זיך דורכרידען, אַזוי צו זאָגען, בלויז דערווייל אויספּע־רעמען אַ גאָדעל אין דערנאָך וועט מען שוין זעהען וואָס אַהן מען

(פאָרטזעצונג קומט)

האנדווערקעריי און האנדעל

אויף דער וואך

דער נאהענטער יודישער האנדווערקער-קאנגרעס

דער יודישער האנדווערקער-צוזאמענפאהר איז שוין ענדגילטיג בעשטימט געווארן אויף דעם 31 מאי ה. י. דער דאזיגער צוזאמענפאהר דארף פערוואנדעלט ווערען אין א גרויסען יודישען האנדווערקער קאנגרעס. אין א קאנגרעס פון דעם פראדוקטיווסטען טייל פון אונזער פאלק. דער איצטיגער קאנגרעס קומט זיך צונויף אין א מאמענט פון שווערער אחריות פאר די אנפיהרער פון דער האנדווערקער בעוועגונג, אין א מאמענט ווען ס'ברעכען זיך די עקזיסטענצען פון דער יודישער בעפעלקערונג, אין א מאמענט ווען מ'טראכט כל'ערליי תחבולות צו צונעהמען די נאך-פערבליבענע יודישע פרנסות. דער קאנגרעס קומט זיך צונויף אין א מאמענט, ווען די האנדווערקער-געזעצגעבונג איז שוין אריין אין קראפט און ווערט אנגעווענדעט לרעה פון די יודישע האנדווערקער.

דער קאנגרעס קומט זיך צונויף נאכדעם ווי די האנדווערקער-ארגאניזאציע אליין האט איבערגעלעבט א שווערען אינערליכען קריזיס און איז על פי נס נאר אפגעראטעוועט געווארען פון פולשטענדיגען אונטערגאנג.

דער קאנגרעס קומט זיך צונויף אין א צייט ווען ס'קען מעהר קיין רייד נישט זיין וועגען פראצענט-אפמאכען צו די וואהלען אין די האנדווערקער קאמערען און געגענזייטיגע אפמאכען בנוגע פערשידענע פראגען מיט וואס האסנער האט זיין גאנצער קאדענץ מישטיינסגעזאגט אויך זיך געגרויסט. דאס אלץ איז פערביי, די האנדווערקער-ארגאניזאציע איז געשטעלט געווארען אין דער לאגע פון זעלבסט-שטענדיגער אחריות'פולער מעטיגקייט פאר דער-האלטען די ארגאניזאציע און בעזונדערס די עקזיס-טענצען פון די יודישע האנדווערקער. מ'רעדט שוין נישט וועגען קיין גרויסע ענטוויקלונגס פלענער אין איצטיגען מאמענט, אבער שווער איז דער אפוועהר קאמף וואס די יודישע האנדווערקער צענטראלע מוז פיהרען.

לאנג האט מען אפגעשלעפט מיטן צונויפרופען דעם האנדווערקער-צוזאמענפאהר. די ערשטע סיבה איז קודם-כל דער אינערליכער קריזיס און דער ארגאניזאציע, וועלכען מיר האבען שוין אנגעוויזען. לאנג האט געמוזט דויערן ביז די ערשטיטערונג איז אריבער און מ'האט געקענט צונויפנעהמען די איבער-געבליבענע איבערגעגעבענע און טריי טוער, וועל-כע ס'האט זיך ענדליך איינגעגעבען צודיקצושטעל-לען די ארגאניזאציעס אויף די פיס און צונויפרופען קיין ווארשא די פארשטעהער פון 600 אפטיילונגען, וועלכע דארפען איצט אליין נעהמען זייער גורל פון יודישען האנדווערקער אין זייער האנד.

די צווייטע סיבה פון אפשלעפען מיטן צוזאמענ-פאהר איז געווען די, וואס מ'האט געוואלט, אז דער איצטיגער קאנגרעס זאל זיין א גאנצער, אן'איינ-הייטליכער, א פעראייניגטער. מ'האט געוואלט, אז ס'זאל מעהר פון דרויסען נישט בלייבען נישט נאר קיין גרופע, נאר אפילו נישט קיין יחיד, וואס זאל זיך ארומטראגען מיט שפאלטונגס-טענדענצען, ווי ביז איצט און אויב אזא איינער וועט זיין זאל ער איינמאל פאר אלעמאל געמאכט ווערען אומשעדליך.

און דאס האט זיך ליידער נישט איינגעגעבען דער קאנגרעס קומט זיך צונויף נישט קיין איינהייטליכער און נישט קיין פעראייניגטער. ס'האט זיך נישט איינ-געגעבען צו ברענגען צו א הסכם די צדדים, הגם די גרעסטע בעליוטונג וועט בעקומען דער, וועלכער וועט אנווייזען, וואס פארא אונטערשיד ס'איז פערהאן ביי די צדדים און פערשטעהען די האנדווערקער-מעסיגקייט. אמת, אז ס'זענען אפשר פערהאן חלוקי דעות וועגען דער טאקטיק, זיי זענען אבער נישט אזוי גרויס,* אז זיי זאלען אויסשליסען לחלוטין א פעראייניגונג, האבען מיר דאך געזעהען ווי ביי אנ-דערע פעראייניגען זיך צו א געוויסער אקציע די סאמע געגנערישסטע פאליטישע פארטייען.

דא איז ליידער דער פאל נישט געווען. מ'וועט ווידער נישט קענען רעדען אין נאמען פון יודישען האנדווערקערטום, הגם אויפן קאנגרעס וועט זיין פערטרעטען אן'איבערוויגענדער טייל פון דער יודי-שער האנדווערקער - בעוועגונג.

ס'איז נישט נאר א שאד, נאר ס'איז כמעט א פערברעכען. אז פון דעם איצטיגען מאמענט האט נישט געקענט קומען צו א פולער פעראייניגונג אין די יודישע האנדווערקער - רייהען.

י. ד.

עקספארט-מעגליכקייטען

צוליב די עקספארט מעגליכקייטען פון בוי-מעטשלאנג, טישלער אויסארבייטונגען, מאטער - אויס-ארבייטונגען און ברעננ'אויסארבייטונגען, פאדערט די לאדזשער האנדווערקער - קאמער אויף די האנדווער-קער אפצוגעבען אפערטען צוזאמען מיט מוסטערען און פאטאגראפיעס, גענויע אינפארמאציעס ערטיילט די האנדעלס אפטיילונג פון דער האנדווערקער-קאמער.

* * *

די האנדווערקער קאמער טיילט מיט אז די עקא-נאמישע האנדעלס אפטיילונג ערטיילט די האנדווער-קער אומזיסטע אינפארמאציעס וועגען צושטעלונגען, קאנקורסען, ביליגע איינקויפס - שטעלען פון רויה-שטאף, מאשינען און מכשירים און ערלעדיגט ביי-טעס וועגען אריינפיהרען רויה-שטאף פון אויסלאנד.

א. ד. גל.

קאנפערענץ ביים האנדעלס-מיניסטער

מיט די פארשטעהער פון די האנדווערקער-קאמערן

דער האנדעלס - מיניסטער גענ. גורעצקי האט צונויפגערופען א קאנפערענץ מיט די פארשטעהער פון פערבאנד פון די האנדווערקער קאמערען און פון די בעזונדערע האנדווערקער קאמערען, כדי ארומצו-רעדען די אקטועלסטע האנדווערקער פראבלעמען.

אויף דער קאנפערענץ זענען אויך אנוועזענד גע-ווען דער וויצע מיניסטער דאלעזשאל און די דירעק-טארען טשערניכאווסקי, קאנדעל און סאקאלאווסקי.

אין זיין רעדע האט דער מיניסטער בעריכטעט די ברענענדיגע פראגע פון די לערן יונגלעך וועלכע קר[...] מען אהוי וועניג צו אין דער מלאכה. דאן האט דער מיניסטער ארומגערעדט דאס בוי - געזעץ, שטייער-פראגען, צער-סטאטוט, כאלופניקעס-פראגע א. א. וו.

נאך זיין רעדע האט דער מיניסטער אויסגעהערט די מיינונג פון די פארשטעהער פון 17 האנדווער-קער קאמערען אין פוילען, דער מיניסטער האט זיך פערראינטערעסירט מיט דער לאגע פון די האנדווער-קער אויפן געביט פון יעדער וואיעוואדזטווע. בעזונ[...] דערס האבען די האנדווערקער פארשטעהער בעריכ[...] די פראגע פון קרעדיטען און וועגען ארגאניזי[...] ביים האנדעלס מיניסטעריום א ספעציעלען ארגאנ[...] וועלכער זאל ספעציעל זיך פערנעהמען מיט די הא[...] ווערקער פראבלעמען.

דער מיניסטער האט צוגעזאגט פאזיטיוו צו [...] לעדיגען די ארויסגערוקטע פאדערונגען פון די הא[...] ווערקער.

—***—

וואס פארא פאדערונגען האט ארויסגערוקט די ווירטשאפטליכ[...] זעלבסטפערוואלטונג בנוגע דער רעפארם פון פאטענטן-טארי[...]

די האנדווערקער קאמערען האבען איצט ארויס-גערוקט פאלגענדע פאדערונגען בנוגע דער רעפארם פון פאטענט טאריף, וואס ווערט איצט געפלאנט דורך דער רעגירונג.

1) די פרייזען פון פאטענטען און די בעזונדערע קאטעגאריעס דארפען זיין גליך אין אלע געגענדען פון פוילען.

2) אין די גרעסטע צאהל פאלען דארף דער פרייז פון פאטענט בעשטימט ווערען אויפן יסוד פון אומ-זאץ.

3) די הויך פון אומזאץ דארף אנגענומען ווע-רען לויט דעם ווי זי איז גענומען אין פערגאנגענעם יאהרען. למשל ביים אויסקויפען א פאטענט אויף 1937 זאל גענומען ווערען אין בעטראכט דער אומ-זאץ פון יאהר 1934 און 1935. דערביי וואלט גע-קענט גענומען ווערען אין בעטראכט דער דורכשניט פון אומזאץ אין 2 יאהר.

4) ביים ענטשטעהען פון נייע אונטערנעהמונגען דארף דער הויך פון אומזאץ בעשטימט ווערען לפי ערך דורך פערגלייכען מיט אנדערע אונטערנעהמונ-גען פון דעם מין און דאס אויפן יסוד פון א דעקלא-ראציע פון צאהלער, וואס דארף אנגענומען ווערען דורך'ן שטייער אמט.

5) פאר כאלופניקעס דארף איינגעפיהרט ווערען א רעגיסטראציע קארטע.

6) אין געוויסע פאלען דארף די הויך פון [...] משאלט-שטייער פון אומזאץ זיין אפהענגיג פון [...] טענטען פרייז.

7) די האנדווערקער קאמערען זאלען בעקומ[...] א געוויסען אנטייל פון די הכנסות פון די פאט[...] טען.

צום סוף פאדערען די האנדווערקער קאמערען [...] די צאהל בעשעפטיגטע ארבייטער און אנגעשטעל[...] זאל נישט זיין קיין דעצידירענדער אומשטאנד [...] פעסטשטעלען די פאטענטען-פרייזען.

—***—

מעמאריאל פון לאדזשער יודישע קליינהענדלער

וועגען דעם אויסגעמאסטענעם ריטשאלט-שטייער

די וואך איז אין צענטראלען קליינהענדלער פער-איין, פאמארסקא 15 ווידער ארומגערעדט געווארען די פראגע וועגען אומזאץ שטייער.

די שטייער-אמטען טרעטען צו אין דער נאהענ-טער צייט צום אפשאצען דעם אומזאץ - שטייער פארן יאהר 1935 פאר די האנדעלס און אינדוסטרי-אונטערנעהמונגען, וועלכע האבען אין פערגאנגענעם יאהר נישט געפיהרט קיין האנדעלסביכער, יעצט ווע-רען נאך ערלעדיגט די רעקורסען פון די פע'עוולהטע ריטשאלט-צאהלער, וועלכע די שטייער-אמטען רופען ארויס צו זיך. מאנכע שטייער-אמטען בעמיהען זיך מיט די ארויסטרופענע אויפן פרידליכען אופן אדורכ-צוקומען און פערקלענערען זיי דעם אויסגעמאסטע-נעם ריטשאלט אנדערע ווידער ווילן דעם געגעבענעם שטייער נישט פערקלענערען און פיל קליינהענדלער זענען געצוואונגען אפצוזאגען זיך פון ריטשאלט.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם האט זיך דער צענ-טראלער קליינהענדלער פעראיין, פאמארסקא 15 גע-ווענדעט צו דער 2-טער אינסטאנץ מיט א ספעציעלען מעמאריאל אין וועלכען ס'ווערט געזאגט:

די פעראָרדנונג וועגען ריטשאלט פאר קליינע שטייער צאהלער, זעהט פאר אז פון איהם דארפען גענויסען די אונטערנעהמונגען וועלכערס אומזאץ פארן יאהר 1935 איבערשטייגט נישט די סומע פון 50.000 זל. דערביי איז די שטייער סטאווקע בע-שטימט געווארען אויף $1\frac{1}{2}$ פראצענט אינצווישען זע-נען אריינגעקומען אין אוסטאוו וועגען אומזאץ שטיי-ער ענדערונגען: די שטייער סטאווקע פארן האנדעל איז בעשטימט געווארען אויף 1.7%, וואס נעהמט שוין ארום פערמעגען-שטייער און שטעמפעל-מאר-קען. די שטייער אמטען האבען אלזא אין בעצוג צום האנדעל אויסגעמאסטען דעם ריטשאלט נישט לויט דער $1\frac{1}{2}$% שטייער סטאווקע נאר 1,7%, אזוי ארום איז קודם כל: 1) פערקלענערט געווארען די אויי-בערשטע גרענעץ פאר די האנדעלס אונטערנעהמונגען וועלכע דארפען גענוסען פון ריטשאלט — פון 50.000 אויף 44.000 זל. 2) אז דער קליינער שטייער צאהלער וועלכער האט קיינמאל אין לעבען נישט בע-נוצט זיך מיט שטעמפעל - מארקען פערמאגט נ[...] קיין שום פערמעגען. צאהלען פערמעגען-שטייער [...] שטעמפעל-אפצאהל. דער ריטשאלט אלזא וועלכ[...] האט געזאלט זיין א פערלייכטערונג און הנחה פ[...] קליינעם ארימען שטייער- צאהלער איז א פערל[...] טערונג פאר דער שטייער מאכט (דער שטייער ווו[...] אויסגעמאסטען איין מאל אין 2 יאהר) און א[...] שווערונג פאר קליינהענדלער, דעריבער וועט א [...] גרויסער טייל מוזען זיך אפזאגען פון ריטשאלט.

דער צענטראלער קליינהענדלער פעראיין, [...] דעריבער רעדוצירען די שטייער - סטאווקעס ריטשאלט ביז 1%.

דער הויפט-היגער אומזאץ וועט דאס ערש[...] מאל געשאצט ווערען אויפן סמך פון דער נייער ש[...] ער ארדינאציע וועלכע האט לעצטענס אין גאנ[...] סקאסירט די אינפארמאטארען - אינסטיטוציע, [...] וועלכע די שטייער אמטען האבען זיך שטארק [...] גוצט. יעצט וועלען זיך די שטייער אמטען קענען [...] נוצען אויסשליסליך מיט עקספערטען.

רעציזיעס פון העכסטען געריכט

וועגען טשעק און וועקסעל-פראגען

1) א גאראנטיע-טשעק, וואס איז אויסגע-שטעלט געווארען אהן א דאטע קען דינען אלס גרונד צו פעראנטווארטליכקייט לויט'ן ארט. 51 פון טשעק-רעכט. אויב די דאטע איז שפעטער איינ-געשריבען געווארען מיט דער הסכמה פון ארויסשטע-לער, בפרט אין בעצוג צום טאג.

2) א פערזאן, וואס איז ארויסגעטרעטען פון שותפות אדער פירמע פאר'ן אונטערשרייבען א טשעק, קען זיין פעראנטווארטליך לויט'ן ארט. 51 פון טשעק-רעכט, אויב איהר אונטערשריפט איז גע-ווען גילטיג. ווייל עס האט עקזיסטירט אין באנק א קאנטא מיט א פירמע-בעצייכנונג, וואס איז נישט געענדערט געווארען.

3) אנ'אויסשטעלער, וואס האט בעפולמעכ-טיגט דעם אבנעהמער צו פאסט-דאטירען (אריינ-שטעלען א שפעטערדיגע דאטע) דעם טשעק, קען זיין פעראנטווארטליך לויט'ן ארט. 51 פון טשעק-רעכט נאר דאמאלס, ווען בידע זייטען האבען אין מאמענט פון איבערגעבען דעם טשעק פעסטגעשטעלט די גענויע דאטע וואס דארף אריינגעשריבען ווערען און קען נישט ווערען געענדערט דורך צופעליגע אנגעלעגענהייטען.

4) דאס בעזיצען דעקונג אין באנק אין דער פארם פון א וועקסעל-פארטפעל קען נישט זיין א גרונד צו רעכענען אויף פולע דעקונג אין מאמענט פון פארשטעלען דעם טשעק, לויט פאר. 2 פון ארט. 51.

וועקסלען

1) אויב פון פראטעסט אויפ'ן וועקסעל דרינגט ארויס, אז דער פראטעסט איז פערשפעטיגט, קען דער זשיראנט נישט געצוואונגען ווערען צו בעצאה-לען אפילו אין פאל ווען דער רעיענט האט פערריכט די דאטע פון פראטעסט.

2) ווען איינער שטרייכט איבער זיין זשי[...] אויפ'ן וועקסעל, בלייבט איהם דאס רעכט אריינ[...] טראגען א וועקסעל-אנקלאגע אין געריכט.

3) א פראטעסט איז נישט גילטיג, ווען [...] נישט דעם נאמען פון רעכטליכען בעזיצער, [...] דעם, וואס פאדערט דאס געלט.

4) א פראטעסט וואס איז געמאכט מחוץ [...] צאהל-ארט פון וועקסעל און מחוץ דעם וואוין-[...] פון פראטעסט-אנגעהמער איז נישט גילטיג, א[...] אין דעם פאל, ווען די פערזאן ביי וועלכער [...] פראטעסט איז אויסגעפיהרט געווארען איז [...] דעם מסכים געווען און איז דערצו געווען בעפולמ[...] טיגט. ווי אויך אין פאל, ווען דער אויספיהרער [...] פראטעסט (רעיענט אדער פאסט-בעאמטער) [...] נישט געוואוסט, אז דאס ווערט געמאכט מחוץ גרעניצען פון דעם ארט.

—*X*—

דאס ביורא ביי דער גראפ. קארפאראציע בענייט איהר טעטיגקיי[...]

אין צוזאמענהאנג מיט'ן לעצטען בעשלוס פון דער פערוואלטונג צוריק אויפצולעבען די טעטיג-קייט פון ביורא אנצונעהמען ארבייט פון אגענטען, וועלכעס האט געזאלט דערהויבען דעם שלעכטען מצב אין דער דרוקער-בראנזשע, האט די קאמיסיע וועלכע איז צו דעם צוועק געשאפען געווארען, בעזוכט א רייהע מיטגלידער און פון זיי בעקומען ווערסלען אלס ערבות, אז זיי וועלען מעהר נישט אננעהמען קיין שום ארבייט דירעקט פונ'ם אגענט.

די דאזיגע מיטגלידער האבען סוף-כל-סוף איינ-געזעהען, אז אהן דעם ביורא איז די לאגע א פיל ערגערע, און אז ביים אנהויב פון דער עקזיסטענץ פונ'ם ביורא האט זיך ארויסגעוויזען א גארניש-קשה'דיגע פערבעסערונג. אמת איז, האבען א טייל אליין בעשטעטיגט, אז זיי זענען בעגאנגען א גרוי-סען פעהלער מיט זייער נישט-פינקטליכען אויס-פיהרען די אנגענומענע בעשלוסען.

עס האט זיך אויך ארויסגעוויזען, אז א טייל אגענטען האבען אויסגענוצט דעם שטרייק אין דער דרוקער-בראנזשע און צוליב דעם טיילווייז בעהויבען דעם פרייז פון די אויסגעפיהרטע בע-שטעלונגען, נאר אנשטאט דעם, וואס דעם עודף פון דער העכערונג האט געזאלט בעקומען דער דרוקער, נעמט [...] גאר צו דער אגענט, און דער פועל יוצא פון דער גאנצער אקציע איז, אז דער אגענט נוצט אויס דעם דרוקער נאך אין א פיל-גרעסערע מאס ווי ביז איצט.

די פערוואלטונג, וועלכע איז ביז-איצט גע-שטאנען אויפ'ן שטאנדפונקט, אז מ'דארף די אגענ-טען נישט בעזייטיגען פונ'ם ציהען חיונה פון דער דאזיגער בראנזשע, האט אבער איצט, נאכדעם, ווי מ'זעהט בולט, אז די אגענטען עקספלואטירען אזוי שטארק די ספעציעלע אגענטען-דרוקערס, געע-דערט איהר מיינונג בנוגע די דאזיגע אגענטען-עקספלואטארען, און עס וועט דעריבער געשאפען ווערען א ליסטע פון די דאזיגע אגענטען, כדי געגען זיי אנצונעהמען די געהעריגע שריט.

אין די נאהענטסטע טעג זאל אויך פערעפענט ליכט ווערען א קאמוניקאט צו אלע דרוקעריי-בע-זיצער, וואו עס וועט זיי געמאלדען ווערען וועגען דער בענייאונג פון דער טעטיגקייט אינ'ם ביורא אנצונעהמען ארבייט פון אגענטען. אויב עס וועט זיך ארויסווייזען, אז נאך דעם דאזיגען טערמין, האט נאך וועלכער-עס-איז דרוקער געפרובט צו בעגעהן געוויסע שטערונגען צום פערבעסערן דעם מצב פון דער בראנזשע, וועט דאן די פערוואלטונג זיך נישט אפשטעלען פאר קיין שום סאנקצי[...] בנוגע דעם דאזיגען מיטגליד, ווען אפילו זיי זא[...] דעם בעטרעפענדען מיטגליד דעם גרעסטען שא[...] פערשאפען.

די פערוואלטונג געהט אויך ארויס פונ'ם שט[...] פונקט, אז סוף-כל-סוף וועלען די מיטגלידער דער גראפישער קארפאראציע איינזעהען, אז [...] גאנצע ארבייט פונ'ם ביורא איז נאר געווען, [...] צו פערבעסערען דעם מצב פון דער בראנזשע. ע[...] איצט ווייזט זיך ארויס, אז מ'טאר אפילו אויף [...] איין מאמענט נישט ארפלאזען די פליגלען, און מ'דארף כסדר שטעהען אויף דער וואך פון אונזע[...] אינטערעסען, וועלכע זענען ביים היינטיגען [...] גארנישט קיין הימליכע, בפרט ביי דער אונגעה[...] כער קאנקורענץ, וואס הערשט איצט אין אונז[...] בראנזשע, וואו מ'ארבייט שוין כמעט אהן פערדינ[...]

מיר האבען אבער די בעסטע אויסזיכטען, נאך דעם בענייען די טעטיגקייט אינ'ם ביורא, [...] זיך במילא די לאגע אין דער גאנצער בראנזש[...] ביסעל פערבעסערען, און דערנאך ערשט וועל[...] מיר קענען שטופענווייז צוטרעטען צו די ווייטער[...] אויפגאבען און צילען, וועלכע שטעהען אונז [...] אדורכצופיהרען אין דער נאהענטסטער צייט.

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

פעראָרדנונג פון דער שטאָט-סטאַראָסטע
וועגען דעוויזען-פערקעהר

די שטאָט-סטאַראָסטע איז מודיע, אַז אויפ'ן יסוד פון די אַרטיקלען 13 און 14 פון דעקרעט פון 26. ה. ח. („דזשעניק אוסטאַוו" 32) בנוגע די דע־ויזען-בעגרעניצונגען קאָן נאָר פערעפענטליכען די קורסען פון אויסלענדישע באַנקנאָטען און דעוויזען, די אָפיציעלע געלד-בערזע אין וואַרשע, דאַגעגען דאס נאָטירען פון קורס פון אויסלענדישע וואַלוטע קען נאָר די באַנק-פאָלסקי אין „מאָניטאָר פאלסקי". די „באנק פאָלסקי" איז די איינציגע אינסטי־טוציע, וואָס האָט רעכט צו פערעפענטליכען דעם קורס פון גאָלד.

אויסער די קורסען וואָס ווערען נאָטירט אויף דער וואַרשאווער געלד-בערזע און דורך דער „באנק פאָלסקי", זענען יעדער אַרט נאָטירונג פון אינלענ־דישע און אויסלענדישע קורסען אין גאָלד פער־בּאָטען. דערביי אונטערליגען די פערזאָנען לויט'ן אַרטיקעל 17, וואָס וועלען פערעפענטליכען די קור־סען, א שטראָף ביז א יאָהר תּפיסה און 100 טויזענד זל. א געלד-שטראָף.

ליקווידירטע אַקופּאַציע-שטרייקען
אויסגעבראָכען נייע שטרייקען אין פאַבריקען

(א) אין דער פאַבריק פון דער פירמע ברידער ציטרין (וואָלבאָרסקא 22) האָט אויסגעבראָכען אַנ'־אַקופּאַציע-שטרייק. 120 אַרבּייטער האָבען אָקופּירט די פאַבריק און געפאָדערט צו רעגולירען די לוין־סטאַוועס.

נאָך א קאָנפערענץ ביים אַרבּייטס-אינספּעקטאָר איז דער סכסוך ליקווידירט געוואָרען און די אַרבּיי־טער זענען צוגעטרעטען צו דער אַרבּייט.

* * *

דער אָקופּאַציע-שטרייק, וואָס איז אויסגעבראָ־כען אין קוטנערס פאַבריק (שמערלינגא 26), איז נעכטען ליקווידירט געוואָרען. די 650 אַרבּייטער זענען צוריק צוגעטרעטען צו דער אַרבּייט.

* * *

אין רייזמאַנס זאָקען-פאַבריק (מאַטעיקא 9), האָט נעכטען אויסגעבראָכען אַנ'אָקופּאַציע-שטרייק 65 אַרבּייטער האָבען איבערגעריסען די אַרבּייט. גע־בליבען אין דער פאַבריק. דער אַרבּייטס-אינספּעק־טאָר בעמיהט זיך דעם סכסוך צו ליקווידירען.

* * *

אין האַראַקס פאַבריק אין רודא-פאַביאַניץ דווי־רט דער אָקופּאַציע-שטרייק ווייטער. אין משך פון נעכטיגען טאָג האָבען זיך די 900 אַרבּייטער געפונען אין די פאַבריקס-בנינים. די בעמיהונגען פון די קלאַסען-פעראיינען צו ליקווידירען דעם שטרייק, האָט זיך נישט איינגעגעבען.

* * *

אין דער פאַבריק פון דער פירמע באשעוויטש און קאַגאַן (שענקעוויטשא 61) האָט אויסגעבראָכען א קאָנפליקט צוליב דעם, וואָס די פירמע האָט נישט קוקענדיג אויף דעם געשלאָסענעם אָפּמאַך — פער־קלענערט די לוינען.

נאָך אַנ'אינטערווענץ איז געקומען צו א פער־שטענדיגונג און דער קאָנפליקט איז ליקווידירט גע־וואָרען.

* * *

(א) אין שייכות מיט דעם אָקופּאַציע-שטרייק ביי דער פירמע בוהלע, איז נעכטען פאָרגעקומען א קאָנפערענץ ביים אַרבּייטס-אינספּעקטאָר וועגען ליקווידירען דעם שטרייק.

וועגען היינטיגען שטרייק פון די סעזאָן-אַרבּייטער

ווי בעקאַנט האָבען די סעזאָן-אַרבּייטער פּראָק־לאַמירט אויף היינט א פּראָטעסט-שטרייק געגען דעם לאַנגזאַמען אננעהמען די אַרבּייטער דורך דעם אַרבּייטס-פאָנד.

אין דער לעצטער מינוט זענען א טייל פון די אַרבּייטער-פאָסטולאַטען בעריקזיכטיגט געוואָרען, ס'זענען צוגענומען געוואָרען נאָך 1200 אַרבּייטער צו די סעזאָן אַרבּייטען, אַזוי אַז ביז היינט זענען שוין בעשעפטיגט איבער 2000 אַרבּייטער.

איבערגעשניטענע טעלעגראַף-סלופּעס
כּדי... ער זאָל בעקומען אַנ' „אומזיסטע דירה"...

(א) בראָניסלאַוו פעלקא איז א צייט לאַנג געווען אַרבּייטסלאָז. ער האָט דערום געזוכט א וועג, ווי אַזוי צו ציהען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער אויפזיכטס-מאַכט.

וואָס טוט בראָנעק? געהט ער אויף'ן וועג אין צווישען זידזעוו און זגערזש זעגט ער איבער די טעלעגראַף-סלופּעס אַזוי, אַז די טעלעגראַף-קאָמו־ניקאַציע איז צוליב דעם איבערגעריסען געוואָרען.

פערשטעהט זיך, אַז מ'האָט איהם באַלד גע־כאַפּט און פערבעטען אין דער פּאָליציי, וואו ס'איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען א פּראָטאָקאָל.

נעכטען איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס, פעלקא האָט זיך מודה געווען און דאָס געריכט האָט איהם פערמשפּט אויף 6 חדשים תּפיסה, צוליב די מילדע אומשטענדען, איז דאָס אויספיהרען די שטראָף אָפּ־געלעגט געוואָרען אויף 3 יאָהר.

די צוויי ברידער יצחק און אהרן און זייער שותּף אלפרעד קנאַבעלאַר
ענטדעקט סיסטעמאַטישע גנבות אין א פאַבריק

(א) זייט א לאַנגע צייט האָט די פאַבריק-לייט־טונג פון דער פירמע אשא העזלע"ס יורשים, אויף דער שעדלעצקא גאַס בעמערקט, אַז ס'ווערט דאָרט אויסגעפיהרט סיסטעמאַטישע גנבות פון פערשידענע סחורות, ווי: זייד, וואָל א. אַנד. ביז איצט איז נישט געלונגען צו קומען אויף די שפּורען פון די גנבות. ערשט די טעג איז געלונגען צו דערגעהען ווער ס'זענען די גנבים. ס'איז פעסטגעשטעלט גע־וואָרען, אַז די גנבים זענען די ברידער קוטנער, וועלכע האָבען מיט דער הילף פון פּאַרטנער פון דער פאַבריק, אַלפרעד קנאַבעלאָך אַרויסגעפיהרט פער־שידענע סחורות פון דע פאַבריק אויף א סומע פון 15 טויזענד זל. די ברידער קוטנער און דער פּאַרטנער זענען איינגעזעצט געוואָרען אין תּפיסה.

✕

אַרבּייטער ווערט אַריינגעצויגען אין דער מאַשין
שרעקליכער צופאַל אין א פאַבריק

(א) אין דער פאַבריק פון דער פירמע „סטאַנ־יאַל" (בוקאָווא 4) האָט פּאַסירט א שרעקליכער פאַר־פאַל. דער אַרבּייטער סטאַניסלאַוו וויעטשאָרעק איז בעת דער אַרבּייט אַריינגעכאַפּט געוואָרען אין דער מאַשין און איהם אָפּגעריסען א האַנד. אין א שווע־רען צושטאַנד איז ער אָפּגעפיהרט געוואָרען אין שפּיטאַל.

Dr.
Wołkowyski
ציגעל-גאַס 11, טעל. 02-238
ספּעצ. פאַר טריפּער, סיפיליס און הויט-קראַנקה.
בעהאַנדלונג פון מענער-שוואַכע
נעמט אָן פון 8—11 בייטאָג און 4—9 אָוונט.

פּריוואַטע
וועגעראַלאָגישע לעטשניצע
161 פּיעטריקאָווער 161
בעהאַנדלונג פון מענער-שוואַכע, הויט און געשלעכטס-קראַנקהייטען דורך דאָקטוירים-ספּעציאַליסטען.
נעמט אָן פון 8 פריה ביז 9 אָוונט. זונטאָג און חגאות פון 9 ביז 1 מיטאָג.
א פרוי-דאָקטאָר נעהמט אָן פון 3—5 נאָכם.
א בעראַטונג 3 זל.

טעאַטער פילהאַרמאָניע
20 נאַרוטאָוויטשא 20
וואַרשאַווער סקאַלאַ-טעאַטער
היינט, דינסטאָג און מאָרגען, מיטוואָך — לעצטע 2 מאָל!
מאַסען-פאָרשטעלונג פון 54 גר.
צו פּאָפּולערע פּרייזען
גרעסטער שלאַגער! --:-- סענסאַציע איבער סענסאַציע!
געשפּילט געוואָרען איבעראַל מיט'ן גרעסטען ערפאָלג!
סינג-סינג
(„פרוי פון גאַס")
לעבענס-פּיעסע אין 3 אַקטען מיט פּראָלאָג. אין די הויפּט-ראָלען:
וויערא קאַניעווסקא, פּאַול ברייטמאַן
מיט'ן אָנטייל פון אַבעטאַ ריזער
אין ערשטקלאַסיגען אַנסאַמבּל לויט א.ב.:
אייזענבערג אהרן, ברייטמאַן פאַול, געטליכערמאַן לייב, גרינשפּאַן יעקב,
גראָס רעגינאַ, האַמבורגער דוד, זאַסלאַווסקא בערטא, נערה רבקה,
נייהויז וואָלף, פּאָזנאַנסקי משה, קאַניעווסקא וויערא, רייזער אַנעטא, ראַקאָוו יחיאל א. אַ.
טאַנץ ◆ געזאַנג ◆ הומאָר ◆ סאַטירע און וויץ!!!
3 שעה פערוויילונג און שפּאַנונג!
נייע דעקאָראַציעס — קינסטלער-מאָלער וויטקאָווסקי.
פערגרעסערטער אָרקעסטער לייטונג: זעלמאַן.
בילעטען צו בעקומען אין קאַסע פון טעאַטער פילהאַרמאָניע.

אַפּריל

זון-אויפגאַנג	4.29
זון-אונטערגאַנג	7.00

...ספּבילינסטען און אַמבּעסטען
צום מזרח-יריד
...קיין ארץ-ישראל
...אויספלוג קיין ווין ד. 30/4 — 75 זל.
קיין בודאַפּעשט און ווין
דעם 8/5 — 112 זל.
הנחה- און קוראַציע-פּעסער
קיין עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיי
און אין אַנדערע לענדער.
...פון „אינטוריסט"
אויספלוגען קיין רוסלאַנד.
...ן-בילעטען און שיפס-קאַרטען קיי
...אויסלאַנד. אינפאָרם. ערטיילט טעגליך
דאס רייזע-ביוראָ
Union Lloyd
PIOTRKOWSKA 42,
telefon 107-87.

דעלעגאַציע פון לאָדזער ראַבּינאַט קיין וואַרשא

...צו דער היינטיגער בעראַטונג פון אגודת ...רבנים אין וואַרשע וועגען ענין שחיטה, האָט דער ...לאָדזשער ראַבּינאַט דעלעגירט די מורי הוראות סעגאַל, ...ביאַשטאַרק און ווייס.

נעכטיגער 1-שעה'דיגער פּראָטעסט-שטרייק

(א) אויף נעכטען האָבען די קלאַסען-פעראיינען ...פּראָקלאַמירט אַנ'איינשעה'דיגער פּראָטעסט-...שטרייק געגען די געשעהענישען אין לעמבערג. צו... דעם, וואָס די איניציאַטאָרען האָבען זיך נישט ...פערשטענדיגט מיט אַנדערע קלאַסען - פעראיינען, ...איז זיך דער שטרייק נישט איינגעגעבען. גע־...שטרייקט האָבען אינגאַנצען 15 פּראָצענט.

קאַטאָן-פאַבריקען טיילווייז שוין טעטיג

(א) ווי מיר האָבען שוין מיטגעטיילט, איז די ...גאַנגענע וואָך אונטערגעשריבען געוואָרען אַנ'־...אָפּמאַך אין דער קאַטאָן-בראַנזשע.

נעכטען האָבען אין מאַנכע פאַבריקען די אַר־...בייטער זיך געשטעלט צו דער אַרבּייט. אין מאַנכע ...פאַבריקען, וועט צוליב מאַנגעל אין רויה-שטאָפען ...אַרבּייט אויפגענומען ווערען אין די נאָהענטסטע ...

סאַנאַטאָריום פאַר לונגען-קראַנקהייטען אין לאַגעווניק

די שטאָט-פערוואַלטונג האָט בעשלאָסען צו ...עפענען אין לאַגעווניק א סאַנאַטאָריום פאַר לונגען־...קראַנקע. דאָס סאַנאַטאָריום וועט געעפענט ווערען ...דעם 4. מאַי 11 א זייגער פאַרמיטאָג.

KINO TEATR
MIRAŻ
...16
היינט פּרעמיערע!
עפּאָכע-פילם פון דער סאָוויעטישע
פּראָדוקציע א. ב.
אין קאַמף מיט'ן צאַריזם
אין די הויפּט-ראָלען:
TARCHANOW i CZIRIKOW
אויסערן פּראָגראַם:
וואָכען-זשורנאַל Paramount i P. A. T.
אָנהייב 4 נאָכמיטאָג.

טעאַטער „ראַזמאַיטאָשטשי" טעל. 112־25.
שוין איז די נאָענטסטע טעג!
הויבן זיך אָן די גאַסטשפּילן
פון רעפּרעזענטאַנץ - קליינקונסט - טעאַטער

„אַראַרַאַט"
קינסטל. אנפ.: מ. בראָדערזאָן.

אין גרויסע רעווי־ספּעקטאַקל, וועלכער איז געשפּילט געוואָרן אין וואַרשע העכער 3 חדשים.
אַ וועלט מיט נסים
מאָנטאַזש און רעזשי: ש. דזשיגאַן און י. שומאַכער
פּרטים מאָרגען!

פלייש־בירזע איז לאָדז ווערט געעפנט אין יולי

(א) ווי מ'טיילט מיט, וועט שוין דעם קומענדיגן יולי געעפנט ווערן די פלייש־בערזע אין לאָדז, די ביורא פון דער בערזע זאָל זיך געפינען נעבן שעכט־הויז.

ערקראַנקונגען אויף אַנשטעקנדע קראַנקהייטען

אין דער צייט פון 19־טן ביז׳ן 25. אַפּריל זענען אין דער געזונדהייטס־אָפּטיילונג ביים מאַגיסטראַט אָנגעמאָלדען געוואָרן פאָלגענדע פאַלען פון אַנשטעקנדע קראַנקהייטען: בויך־טיפוס 9 פאַלען, דיפטעריט — 14 פאַלען, שקאַרלאַטין — 16 פאַלען, מאָזלען 77 פאַלען, רויז 1 פאַל, קאַקלוש 16 פאַלען, קימפּעט־היץ 7 פאַלען.

אין אַלגעמיין איז נאָטירט געוואָרן אין דער לעצטער וואָך 96 פאַלען פון אַנשטעקנדע קראַנקהייטען.

פאַטאַלער שפּרינג פון אַ צוג
אָפּגעשניטען די פיס פון אַ קוילען־גנב

(א) אויף דער באַהן־ליניע ציווישען ווידאַווא און זד. וואָליאַ, האָט אַ סטראַזשניק בעמערקט אַ פּערזאָן גנב׳ענען קוילען פון אַ וואַגאָן. ווען דער וועכטער האָט איהם געדראָהט צו שיסען, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען און אַרונטערגעפאַלען אונטער די רעדער. ווען דער צוג איז אַדורכגעגאַנגען, האָט מען דעם גנב, וואָס האָט זיך אַרויסגעשטעלט פאַר דעם 25־יאָהריגען שיטאַרעק פון שעראַדז אַרויסגעצויגען מיט אָפּגעשניטענע פיס.

קיין ווין
אָבפאָהר דעם 30/4 ד. י.: 75 זל.

קיין ווין און בודאַפּעשט
פון 8־טען ביז׳ן 13־טען מאי 112 זל.

הנחה־רייזעס
קיין פּאַלעסטינא
590 זל.

אינפאָרמאַציעס:
Wagons Lits Cook
פּיעטריקאָווער 68.

העכסטער אַדמיניסטראַטיווער טריבונאַל געגען דעם פינאַנץ־מיניסטעריום

(ג) די פאַראָרדנונג פון פינאַנץ מיניסטעריום פון 13. יולי 1933 זעהט נישט פאָר דאָס רעכט צו אַפּעלירען צו אַ העכערע פינאַנץ אינסטאַנץ אויף דער אויסמעסטונג פון פערמעגנס שטייער. דער העכסטער אַדמיניסטראַטיווער טריבונאַל בעטראַכטענדיג דעם ענין פון אַ סטאַניסלאַווער שטייער צאָהלער געגען דעם שטייער אַמט אין סטאַניסלאַוואָ, האָט אַרויסגעגעבען פאָלגענדען בעשלוס:

די שטייער צאָהלער האָבען דאָס רעכט צו אַפּעלירען צו אַ העכערער פינאַנץ־אינסטאַנץ, נישט קוקענדיג אויף דעם פאַרשריפט פון פּאַראַגראַף 5 פון דער פאַראָרדנונג פון פינאַנץ מיניסטעריום פון 13. יולי 1933.

פאַמיליע פון 4 פּערזאָן פערסמ׳ט מיט געטריקענטע שוואָמען
איינער געשטאָרבען, 3 ראַנגלען זיך מיט׳ן טויט

(א) אין דאָרף שווערטשין האָט זיך אַ גאַנצע פאַמיליע פער׳סמ׳ט מיט געטריקענטע שוואָמען. די פאַמיליע פון רייכען הויזווירט וולאַדיסלאַוו מאַרושק איז נאָכן עסען די שוואָמען שווער קראַנק געוואָרען. דער גוט־בעזיצער אַליין איז אויפן וועג צום שפּיטאָל געשטאָרבען. די פרוי יוזעפאַ, טאָכטער און די שוויגער זענען אין אַ שווערען צושטאַנד אָפּגעפיהרט געוואָרען אין שפּיטאָל.

„זלאָטע ראַנטשקאַ" פייערט איהר 30־טען „יובילייי"...
זי מוּבס אין געריכטס־זאַל אַ וויסטע אַוואַנטורע און ווערט אַרויסגעפיהרט מיט פאַראַד...

(א) פאַר׳ן שטאָטישען געריכט איז נעכטען זי־דער געשטאַנען די גוט בעקאַנטע „זלאָטאַ ראַנטשקאַ" מלכה קאַלישער.

נישט קוקענדיג דערויף וואָס זי איז נאָך גאָר יונג, אינגאַנצען 26 יאָהר, איז זי שוין 30 מאָל געווען בעשטראָפט. ביים לעצטען „גאַסטראָל", האָט זי געפייערט דעם 30 יעהריגען יובילייי. דעם לעצטען מאָל ביים אויסזאָגען איהר דעם פּסק 1½ יאָהר תפיסה האָט זי זיך שטאַרק „אָבראַזשעט" און גענומען מאַכען אַוואַנטורעס, אונטער אַ פּאָליציי־שמירה איז זי אַרויסגעפיהרט געוואָרען פון געריכטס־זאַל.

פאַר פאַרשפּעטיגען מיטן אָפּשיקען געלד
ווערט אַ פערטרעטער פון אַ היגער פירמע פערמשפט אויף 6 חדשים תפיסה

(א) די היגע פירמע קאַנעל און זבאַר, האָט אַ פערטרעטער אין וולאָצלאַוועק, אַ געוויסען מיעטשיסלאַוו קאַווא, וועלכער האָט די רעכט צו פערקויפען די אויסאַרבייטונגען פון דער פירמע און איינצואַקסירען די חובות.

אין יוני 1935, האָט ק. נישט אָפּגעשיקט די איינקאַסירטע סומע 1700 זל. אויף דער פראַגע פאַר וואָס ער שיקט נישט אָפּ, האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט דאָס דערווייל „פערנוצט", אָבער ער וועט אָפּשיקען, וואָס ער האָט אויך שפּעטער געטון. ער האָט דאָס געלד אָפּגעשיקט. נישט קוקענדיג אָבער דערויף, איז ק. נעכטען געשטאַנען פאַר׳ן געריכט און איז פערמשפט געוואָרען אויף 6 חדשים תפיסה. דאָס אויספיהרען די שטראָף איז אָפּגעלעגט געוואָרען

זוהן דערשיסט זיך
ווייל די מוטער האָט צום צווייטען מאָל חתונה געהאַט

(א) אויף לאַגעוויניצקאַ 66 האָט זיך נעכטען אָפּגעשפּילט אַ בלוטיגע פאַמיליען־טראַגעדיע, דער 20 יעהריגער יעזשי קאַמינסקי האָט זיך צעווערטעלט מיט זיין מוטער דערפאַר, וואָס זי האָט צום צווייטען מאָל חתונה געהאַט. נאָך דער מחלוקה, איז דער זוהן אריין צו אַ שכנה און זיך געשאָסען אַ קויל אין קאָפּ אַריין, אויפ׳ן וועג צום שפּיטאָל איז ער געשטאָרבען.

קליינער פעליעטאָן

ס׳אַרט איהם נישט

— איעך — זאָגט שמיל־שמעלקי, און צוצי[...] דעם „איך" אויף אַ וואָרסט — איעך וועל [...] נישט גיין דעם קאָפּ צעהאַקען אין דער וואָר[...] איך בין נישט משה־מחויב!

— וואָס׳אי — פרעגען מיר — וואָס׳אי געש[...]הען, פאַניע ר׳ שמיל־שמעלקי?

— וואָס׳אי — ענטפערט ער — איהר האָט ני[...] געהערט, אַז מ׳לאָזט נישט אַרויס דעם זלאָט[...] אויסלאַנד? מ׳האָט אָפּגעשטעלט — זאָגט ער [...] די דעוויזען?.. וואָס׳אי — זאָגט ער — איהר ה[...] עס טאַקיש נישט געהערט?... ס׳איז דאָך נעכט[...] געשטאַנען.....

— נו, און אַז ס׳איז געשטאַנען איז וואָס?

— וואָס הייסט — זאָגט ער — ס׳איז געשט[...]נען! אַליך הייסט געשטאַנען! ס׳איז דאָך געשטאַנ[...] אויפן פּלאַט, אַז אין פוילען איז איינגעפיהרט, [...] מ׳טאָר נישט אַרויספיהרען!...

— וואָס אַריינגעפיהרט? וואָס אַרויסגעפיהר[...] פאַניע ר׳ שמיל־שמעלקי? וואָס רעדט איהר עפּ[...] פון וועגן?

— ס׳איז בפירוש און טשאַרנאַ־ביאַלאַ [...] שטאַנען, אַז ס׳איז איינגעפיהרט, דאָס מען טאָר ניש[...] אַרויספיהרען קיין דעוויזען!

— גוט, דעוויזען! נו, און דעוויזעס טאָר מ[...] אויך נישט?

ווערט שוין שמיל־שמעלקי ערנסט און מאַכט:

— מאַכטס נישט קיין חוזק — זאָגט ער — ס׳איז נישט קיין וווערסאָליער טראַקטאַט — זאָ[...] ער — ס׳איז געלט, פאַניע! ס׳איז, פערשטייט איר [...] מיר, געווען פון כמה יאָהרען ביי מיר אַזאַ מין ה[...] וויז פון דעוויזען: געלט איז טאַקיש בלאַטע, אָב[...] אַ זלאָטע איז נישט קיין בלאָטע!

— נו?

— נו, און איצט האָט מען מיר אינגאַנצען ב[...] גרעניצט דעם דעוויז!... כ׳טאָר שוין הייסט ע[...] אויך נישט האָבען קיין דעוויז! ס׳איז נישט הפּק[...] פּעטרישקע! איז טאַקי, ווי זאָגט־מען־עס, פּאַסקו[...]נע און זעהר נישט גוט!

כ׳האָב מורא, אַז כ׳וועל שוין נישט קאָנען איצ[...] פאָהרען קיין אויסלאַנד אויף צוליב אָטאָ־דער מעשה און והשנית — וועל איך טאַקי נישט פאָהרען אויך[...]

— וואָס הייסט?

— וואָס הייסט? וואָס הייסט?... און אַ בילע[...] אין עפּעס אַ הונד?... וועלכער ייד האָט עס היינ[...] אויף אַ בילעט קיין אויסלאַנד?.... סיידען אַ משומ[...]

שמילשמעלקי

Dr. H. LUBICZ
med.
ספּעציאַליסט פאַר הויט, ווענערישע און געשלעכטס־קראַנקהייטען
צעגעלניאַנאַ 7 (פריהער 43). טעלעפאָן 141-32
עמפּפאַנגס־שעה׳ן 8־10, 12־2 און 5־8 אָווענט

ר. איזראַעל

אויסגעליטענע נשמות
סענסאַציאָנעל שפּאַנענדער ראָמאַן פון יודישען לעבען

4)

אין המון האָט מען געמורמעלט. יעדער האָט געהאַט עפּיס צו דערצעהלען וועגען דער געשעעניש. איינער האָט געזעהן די פּריצה מיט צוויי שעה צוריק, דער אַנדערער האָט געזעהן נאָך נעכטען, אַז זי איז טרויעריג, אַ דריטער האָט אויך אין וועג הייבט געזעהען צוויי געהיימנישפולע פּערזאָנען, וועלכע האָבען אויסגעזעהען ווי מערדער... אַזוי האָט יעדער געהאַט עפּיס צו דערצעהלען, אָבער פון דעם גאַנצען רעדען, האָט מען קיין שום טאָלק נישט געקענט דערגיין. פּלוצלונג האָט אַ יונגע גויע זיך אַרויסגעשטופּט פון דער גרופּע מענשען, וועלכע זענען געשטאַנען אַרום דעם טויטען קערפּער, און זי האָט אויסגעשריגען:

— נאַראָנים, וואָס איהר אַלע זענט? וואָס דערצעהלט איהר פאַראַ מעשיות? זעהט איהר דען נישט, אַז דאָס קינד איז אינגאַנצען צושטאָכען? דאָס האָבען געטון די זשידעס. ס׳איז פאַר פּסח...

דער אויסגעשריי פון דער היסטערישער פרוי האָט אַריינגעברענגט אַ צורודערונג אינ׳ם המון. אַלע האָבען זיך געווענדעט צו דעם אָרט, וואו די דאָזיגע פרוי איז געשטאַנען.

— וואָס קוקט איהר אַזוי אויף מיר אַלע, זעהט איהר דען נישט וועמענס אַרבייט דאָס איז, דערקענט איהר דען נישט ווי די פּריצה און בעזונדערס איהר קינד, זענען געפּייניגט געוואָרען, ביז זיי האָבען געפינען זייער טויט. זעהט איהר דען נישט, ווי מ׳האָט ביי זיי אויסגעצאַפּט יעדעס טראָפּען בלוט און דאַן זיי בעגאָסען מיט וואַסער, כדי צו פערווישען דאָס בלוט און די וואונדען?...

די פרוי, וועלכע האָט אויסגעשריגען די דאָזיגע ווערטער, איז דאַן צוגעלאָפען צום פּריץ, וועלכער האָט זיך געהאַט אויסגעגלייכט און זיך צוגעהערט צו די היסטערישע אויסרופען, האָט זיך אַראָפּגעלאָזען נעבען איהם אויף די קניע, און געמורמלט ווי ווידוי:

— יאַשניע וויעלמאָזשני פּאַניע דזשעדזשיצו! פאַרוואָס זענען אייערע אויגען פערמאַכט, פאַרוואָס זעהט איהר נישט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען מיט אייער געליבטער טאָכטער, דער גוטער פּריצה מאַרילאַ און מיט אייער איינ׳קעל.

דער פּריץ האָט געקוקט אויף דער פרוי, און דאַן אויף די צוויי טויטע, שוויפּע קערפּערס. דאַן האָט ער ווידער געוואָרפען אַ בליק אויף דער קניענדער פרוי און ווידער אויף דער ערד. ס׳האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגען, צי אויף די טויטע קערפּערס זענען טאַקע פערהאַן אַזעלכע סימנים, וואָס זאָלען אָנווייזען דערויף, אַז זייערע טייערסטע זענען אומגעקומען דורך דעם, וואָס יודען האָבען ביי זיי אויסגעצאַפּט דאָס בלוט, וואָס זיי בעדאַרפען צו די מצות...

דער פּריץ איז נישט געווען קיין נאַאיווער מענש, ער איז אויך נישט געווען קיין אַנטיסעמיט פון דעם מין, וועלכער זאָל אויסנוצען יעדע געלעגענהייט צו גלויבען, אַז אַלדאָס בייז קומט פון יודען, אָבער ביי דעם איצטיגען צער זיינעם, ביי דער איצטיגער אויפרעגונג אין ערשטען מאָמענט, ווען ער האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם טויט פון זיין טאָכטער און איינ׳קעל, וועלכע ער האָט אַזוי הייס געליבט, איז ער נוטע געווען אַלץ צו גלויבען.

דער פּריץ האָט אָנגענומען די פרוי ביי דער האַנד און געהאָלפען איהר אויפשטעהן פון די קני.

— ווער זענט איהר? — האָט ער זי געפרעגט מיט זיין דונערנדער באַס־שטים.

— איך וואוין דאָ הינטערן שטעטעל, נישט ווייט פון אייער גוט. איך בין די פּ־וי פון אַרגאַניסט.

— פון וואַנען ווייסט דו ווי אַזוי די פּריצה מאַרילאַ מיט איהר קינד זענען אַ מגעקומען?

— ס׳איז אַזוי ווי איך זאָג, יאַשניע וויעלמאָזשני פּריץ, איהר קענט זיך פערלאָזען אויף מיר...

דאָס דאָזיגע געשפּרעך איז פאָרגעקומען אין די אויגען פון אַלע, וועלכע זענען געשטאַנען אויפ׳ן ברעג פון טייך. אויף די פּנימ׳ער פון די פערזאַמעלטע יודען האָבען זיך בעוויזען בעאומרוהיגענדע מינעס, וואָס איז אַלץ ווייטער איבערגעגאַנגען אין שרעק. איינציגווייז האָבען זיך די יודען, וועלכע האָבען זיך דאָרט געפונען, אָנגעהויבען צו דער־ווייטערען פון דעם דאָזיגען אָרט און געזוכט וואו נעהנטער צו זיין אין שטעטעל.

אַרום איז געווען שטיל אַזוי ווי ס׳וואָלט שוין איצט פאָרגעקומען די לויה פון די פערשטאָרבענע. ס׳האָט זיך בלויז געהערט דאָס רוישען פון די וועליעס, וועלכע האָבען יעדע מינוט אָנגעקלאַפּט אין ברעג.

פּישעל איז געשטאַנען פון דערווייטענס און זיך צוגעהערט צו דעם אַלעם, וואָס קומט דאָ פאָר. באַלד אין אָנהויב, ווען ער האָט דערהערט די אויסגעשרייען פון דער פרוי, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקען, אָבער באַלד איז ער געקומען צו זיך. ער האָט זיך קלאָהר געמאַכט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, און האָט געוואָלט צוגעהן צום פּריץ און איהם זאָגען:

— ס׳איז נישט אמת, פּריץ. דאָס איז אַן אומפערשעהמטער ליגען, איך האָב אַליין געזעהן ווי די צוויי טויטע זענען געקומען צו שווימען אויף אַ שיפעל פון יענער זייט טייך, וואו זיי זענען מן הסתם ערמאָרדעט געוואָרען. ער האָט זיך שוין איינמאָל דעציידירט און געוואָלט זיך אַדורכשטופּען דורך דעם המון, כדי צוצוקומען צום פּריץ, אָבער באַלד האָט ער חרטה בעקומען. ער האָט זיך נישט געקענט ענטפערן אויף דער פראַגע, צי דאָס וואָס ער וועט דערצעהלען האָט עפּיס אַ זין. נישט־ווילענדיג האָט ער געוואָרפען אַ בליק אין דער זייט, וואו ס׳איז געשטאַנען סאָניע מיט איהרע צוויי חבר׳טעס. אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט אַראָפּלעזען פון איהר פּנים דעם ענטפער פאַר זיך.

סאָניע איז אין דעם מאָמענט געשטאַנען אַזוי אויפגערעגטע מיט׳ן פּנים געווענדעט צום פּריץ, וועלכער האָט אין דעם מאָמענט אויסגעפרעגט די היסטערישע גויע אין די אויגען פון אַלע פערזאַמעלטע. איהרע באַקען האָבען געפלאַמט. איהרע גרויסע שעהנע אויגען האָבען זיך נאָך ברייטער געעפענט. זי האָט אין ערשטען מאָמענט נישט געקענט תופס זיין, וואָס דאָ קומט פאָר. באַלד דערויף האָט זי זיך אָפּגעגעבען אַ דין־וחשבון דערפון, מיט וואָס אַזאַ בלבול שמעקט, און האָט אין די געדאַנקען געזוכט אַ וועג, ווי אַזוי אָפּצוווענדען די געפאַהר. אויך זי האָט געוואָלט צוגעהן צום פּריץ און איהם אויפקלעהרען, אַז דאָס איז אַ נידערטרעכטיגער בלבול. זי האָט אָבער נישט געפונען גענוג דרייסטקייט אין זיך. זי, דאָס 19־יעהריגע מיידעל האָט געפיהלט, אַז זי טאָר נישט שווייגען אין דעם מאָמענט, ווען זי זעהט נישט אַרום זיך קיינעם, וואָס זאָל רעאַגירען אויף דעם געפעהרליכען בלבול, וואָס ווערט געמאַכט אויף אַ נאַאיווען אופן געגען יודען, און וועלכער קען האָבען נישט־בערעכענטע פאָלגען. אין דעם מאָמענט איז איהר בליק געפאַלען אויף פּישלען. זי האָט געטראַכט, אַז אפשר וועט פון דאַנען קומען דער ענטפער צום פּריץ. זייערע בליקען האָבען זיך געטראָפען. אָבער איינער ביים אַנדערען האָט געזוכט דעם ענטפער, נישט סך נענדיג איהם אַליין געבען.

דערווייל האָט דער פּריץ ווייטער אויסגעפרעגט די פרוי:

— איך קען דאָך אייך נישט גלויבען אויפ׳ן וואָרט — האָט דער פּריץ ווייטער געדונערט מיט זיין אויפגערעגטער שטים, איהר מוזט מיר ברענגען קלאָהרע בעווייזען, אַנדערש קען איך דעם נישט גלויבען.

די פרוי האָט זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט, פערטראַכט. און דאַן האָט זי הויך געזאָגט:

— איך האָב אַן עדות.

— אַן עדות, — האָט מען פון אַלע זייטען געהערט, — אַן עדות, וואָס איז דערביי געשטאַנען?...

— ווער איז דער עדות? — האָט דער פּריץ שוין נייגעריג געפרעגט.

(המשך קומט)

[...]יכער פאבריקאנט זשארסקי'ס זוהן איז פאביאניץ דערשיסט זיך אין פאטער'ס קאבינעט

וואס איז די סבה פון דעם טראגישען זעלבסטמארד?

[...]ן איז דאָס יודישע פאַביאַניץ דערשיטערט [...] פון אַ טראַגישען זעלבסטמאָרד, וואָס עס [...]יסגעפיהרט איינער פון אָנגעזעהענסטע און [...]סטע פאַבריקאַנטען.
[...]ם 1 מיטאָג, האָט זיך פערשפּרייט אַ קלאַנג [...] זוהן פון דעם פאַביאַניצער רייכען יודישען [...]אַנט זשאַרסקי איז בעגאַנגען זעלבסטמאָרד. [...]ם האָט זיך אַרויסגעשטעלט, האָט זיך די ידיעה לײדער בעשטעטיגט. און זיין אייגענעם פּאַ־לאַץ, אויף סימאָוואַ גאַס, האָט מען דעם יונגען 26 יעהריגען פּאַוועל זשאַרסקי געפונען ליגען אויף דער ערד מיט אַנ'אַרויסגעשאָסענעם קאָפּ. דער ערשטער האָט דאָס בעמערקט דער פאָטער, וועלכער איז גלייך אַנגעקומען פון דער גאַס. ער האָט געמאַכט אַ געוואַלד וועלכער האָט שוין לײדער גאַרנישט געקאָנט העלפען. ער איז שוין געווען טויט.

דער פערשטאָרבענער האָט פערלאָזט אַ יונגע פרוי און אַ קינד פון 3 חדשים.

ווי מ'גיט איבער, איז די סיבה פון דעם פער־צווייפעלטען שריט — פאַמיליען־סכסוכים.

דער טראַגישער זעלבסטמאָרד האָט אין פאַביאַניץ געמאַכט אַ דערשיטערנדען איינדרוק.

נייע געזעצן און צירקולארן

[...]אַנעם פון ווערט־פּאַפּירען
[...]ר פינאַנץ־מיניסטער קלערט אויף, אַז קו־[...] פון ווערט־פּאַפּירען, וועלכע זענען איינגע[...]געוואָרען, בכדי צו פערזיכערן די צאָל־בע־[...]ן, טאָרען נישט ווערען איינגעהאַלטען און [...]כענט אויפ'ן חשבון פון פערלעגענע שטייערן [...]מוז זיי אומבעדינגט אַרויסגעבען דעם איי־[...]מער.
[...]ק - עקספּאָרט
[...]ין אַ צווייטען צירקולאַר מאַכט דאָס פינאַנץ־[...]עריום דעסגלייכען אויפמערקזאַם, אַז אויב [...]קספּאָרטירט סחורות אין זעק, קוים וויל מען [...] אַז די זעק זאָלען צוריקגעשיקט ווערען, דאַרף [...]יי נישט נומערירען.
[...]אַנדערש איז אָבער, ווען דיזעלבע זעק דאַר־[...]אַ צוריקגעשיקט ווערען, און כדי אויסצומיי־[...]צאָל־שוועריגקייטען, מוזען זיי געצייכענט און [...]ירט ווערען. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז יעד־[...]זאַק מוז האָבען אַ בעזונדערן לויף־נומער, נאָר [...]זעק, וועלכע שטאַמען פון איין און דעמזעלבען [...]ספּאָרט, קענען בעצייכענט ווערען מיט איין [...]

אויף ביי אַ צווייטען ענין.

בכלל קאָן אַרויסגעגעבען ווערען פון די אַק־טען אַ דאָקומענט נאָר דאַן, ווען דער געגעבענער ענין איז שוין געזעצקרעפטיג פערענדיגט.

אויב צו אַ בקשה ווערען בייגעלייגט דאָקו־מענטען, מוז מען דעסגלייכען צולייגען קאָפּיעס פון זיי.

דאָס צוריקגעבען דאָקומענטען קאָן געשעהען לויט'ן איינזעהן פון דער מאַכט אין יעדען פאַל בעזונדער.

זאל פילהארמאניע טעל. 213-84

דאנערשטאג, דעם 30־טען ד. ח. 8.45 אָווענד

איינציגער אווענד פון ארטיסטישע טענץ

— פון —

IRENA PRUSICKA

בעקאַנטע אַרטיסטקע־טענצערקע און דער שפּיץ פון 12 טענצערקעס.

אין פּראָגראַם: די נייעסטע טאַנץ־קרעאַציעס, וואָס זענען בעשאַנקען געוואָרען אויפ'ן אינטערנאַציאָנאַלען טאַנץ־קאָנקורס אין וויען.

בילעטען צו בעקומען אין קאַסע פון פילהאַרמאָניע.

וויכטיגע ענטשיידונגען פון העכסטען געריכט

סאָציאַלע פערזיכערונג

די סאָציאַלע פערזיכערונגס־אַנשטאַלט מוז צו־טיילען אַ פערזיכערטען צו אַ בעשטימטער אָפּצאָהל־גרופּע לויט די אַנגעגעבענע דורכן אונטערנעהמער פערדינסטען און נישט לויטן איינגעשטעלטען פאַרן זעלבען פאַך־טאַריף.

שטייער - פליכט

וויבאַלד עמיצער דערקלערט, אַז ראַיז נישט מחויב צו צאָהלען קיין אינדוסטרי־שטייער (אויסצוקויי־פען אַ פּאַטענט, שטייער פון אומזאַץ). טאָר מען איהם פריהער נישט אויסמעסטען, כל זמן מ'האָט זיך נישט מיט איהם פערזענליך פערשטענדיגט און קאָנטראָ־לירט די ריכטיגקייט פון זיינע טענות.

האַנדעלס - ביכער

אַ מיטטיילונג פון פינאַנץ־אַמט, אַז די געשעפטס־ביכער ווערען דיסקוואַליפיצירט, מוז צוגעשיקט ווע־רען דעם שטייער־צאָהלער אַלענפאַלס פאַרן טערמין צו דערלאַנגען אַ רעקורס.

סאָלידאַרישע פעראַנטוואָרטליכקייט

אויב איניגע פּערזאָנען טראָגען סאָלידאַרישע פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר אַ געוויסע התחייבות און דאָך האָט מען פון איין בעל־חוב בלויז אויפגע־מאָהנט אַ טייל און די רעשט געפּרובט אויפמאָהנען פון די איבעריגע פעראַנטוואָרטליכע, איז נאָך נישט דער, וואָס האָט בעצאָהלט דעם טייל, בעפרייט פון דער סאָלידאַרישער פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער רעשט.

וועקסעל איז אויסלענדישער וואַלוטע

אַ וועקסעל־חוב אין אויסלענדישער וואַלוטע דאַרף בעצאָהלט ווערען לויטן קורס פון טאָג, ווען דער חוב איז צאָהלבאַר.

היפּאָטעק - מאָראַטאָריום

דער היפּאָטעק־מאָראַטאָריום בעציהט זיך נישט צו אַלע חובות פון פאַרן 12. יולי 1932, נאָר בלויז צו אַזעלכע חובות, וועלכע זענען פאַרן דערמאָהנטען טערמין געוואָרען היפּאָטעקאַרישפערזיכערט.

מעג מען האָבען די תביעה פערפיהרט נאָך איי־דער דער היפּאָטעק־מאָראַטאָריום איז געוואָרען פערעפענטליכט, דאָך איז ער הל אויפן געגעבענעם חוב.

אַפּעלאַציעס

אין אַנ'אַפּעלאַציע מעג מען קריטיקירען דעם צוטרוי פון געריכט צו די דערקלערונגען פון עדות פון געגנערישען צד.

גייסטיגער אַרבייטער

דאָס בעקומען אויף קאַמיס צו פערקויפען סחורה אויב דער זעלבער איז נישט פערבינדען מיט אַ בע־שטימטען אַרבייטס־טאָג און ער מעג אויך אָננעה־מען אַנדערע פערטרעטונגען, קאָן נישט בעטראַכט ווערען פאַר קיין אָנגעשטעלטען־בעשעפטיגונג. ממילא דאַרף דער אייגענטימער איהם נישט פער־זיכערן און ער איז אויך נישט פעראַנטוואָרטליך פאַר אַ שאָדען, וואָס איז ענטשטאַנען צוליב דער נישט פערזיכערטקייט.

קראַנקען - קאַסע

נאָך 3 יאָהר האָט די קראַנקען־קאַסע (סאָציאַלע פערזיכערונגס־אַנשטאַלט) נישט קיין רעכט אויס־צומעסטען פערזיכערונגס בייטראַג.

אַמנעסטיע

אויך די פּאָליטישע פערברעכענס, וועלכע אונ־טערליגען די מיליטערישע געריכטען, פאַלען אונ־טער דער אַמנעסטיע.

רבנים - וואַהלען

בלויז דער פּע'שוּלה'טער קאַנדידאַט מעג זיך בעקלאָגען, הלמאי מ'האָט איהם נישט געשטעלט אויף דער ליסטע צו די רבנים־וואַהלען און נישט זיינע וועהלער.

אָפּמאַך מיט לערן - יונגלעך

וויבאַלד אַ מייסטער איז נישט בערעכטיגט צו האַלטען קיין לערן־יונגלעך, איז אַ געשלאָסענער מיט איהם אָפּמאַך נישט פערפּליכטענד.

צוריקצאָהל פון אַנ'איבערגעצאָהל־טען שטייער בעטרעף

אין פאַל, ווען דער פינאַנץ־אַמט האָט צוליגט אַ געוויסען שטייער אין ראַטעס, טאָר נישט אויף דעם חשבון פערעכענט ווערען אַנ'איבערגעצאָהלטע סומע פון אַנ'אַנדערען שטייער.

יעדער יוד קויפט דעם היינטיגען אפּצייכען

לטובת דער נאכט־פאנאטאָוויע ביי „לינת הצדק“

היינט וועט אויף די גאַסען פון אונזער שטאָט פערקויפט ווערען אַנ'אָפּצייכען לטובת דער נאַכט־פּאָגאָטאָוויע ביי „לינת־הצדק“.

ס'איז צו האָפען, אַז די לאָדזער יודישע בע־פעלקערונג וועט וואַרים אונטערשטיצען די אין לאָדז וויכטיגע יודישע אינסטיטוציע, וואָס ברענגט מעדיצינישע הילף ביינאַכט.

פערלענגערן די טראמוואי־ליניע נומ. 15

פאדערען די איינוואוינער פון דער פּשענדזעלניאנא גאס

(אָ) די איינוואוינער פון דער פּשענדזעלניאַנא גאַס, האָבען זיך געווענדעט צו דער שטאָטישער מאַכט מיט אַ ביטע, צו פערלענגערן די טראַמוואַי־ליניע נומ. 15 אויף דער פּשענדזעלניאַנא ביז צום ראָג יואַ ס'קרייצט זיך די ליניע נומ. 3, ד. ה. ביז צו דער נאַפּיורקאָווסקאַ גאַס.

די ביטע וועט בקרוב בעטראַכט ווערען.

יודישער יונגערמאן אונטער די רעדער פון טראמוואי

געשפּאלטען דעם קאפּ און בעקומען א מח־ערשיטערונג

(אָ) אויף זגערזשער גאַס, איז נעכטען אַראָפּ־געפאַלען פון טראַמוואַי דער 18 יעהריגער יצחק קאַפּלאַן פון טאַרגאָוואַ 55. קאַפּלאַן איז אַראָפּגעפאַ־לען פון צופאָהר־טראַמוואַי אין מיטען גאַנג. ביים אומגליקליכען איז צושפּאָלטען געוואָרען דער קאָפּ און בעקומען אַ מח־ערשיטערונג. אין אַ גוססי'ן צושטאַנד איז ער אָפּגעפיהרט געוואָרען אין שפּי־טאַל שיו. יוזעפאַ.

א פאטער—א חיה

פערמשפּט אויף 6 חדשים תפיסה

(אַ פאַר'ן קרייז־געריכט איז נעכטען געשטאַנען אַ רייכער ווירט יאַן דאָבראַגאָשטש פון קאַלושקי, וואָס האָט זיין אייגענס 24 מאָרגעס דאָרפישע ווירט־שאַפט.

ער איז אָנגעקלאָגט געוואָרען, אז ער האָט אויף אַ ברוטאַלען אופן געפייניגט זיין פרוי און קינדער, נישט געגעבען צו עסען און געצוואונגען צו די שווער־סטע נישט מענשליכע אַרבייטען. אין די גרעסטע פרעסט געלאָזט שלאָפען אויף דער בלויזער קאַלטער פּאָדלאָגע און דערביי מוראדיג געפייניגט.

דער „דושענטעלמען“ איז פערמשפּט געוואָרען אויף 6 חדשים תפיסה, די שטראָף ווערט אָפּגעלייגט אויף 3 יאָהר.

„דאלארען־טראנזאקציע“ אין א דארף

(אָ) אין אַ דאָרף גורקאַ נעבען לאָדז, זענען צום אָרטיגען פויער אָזשעמבלאָ געקומען צוויי פער־שוינען און פאָרגעלעגט צו קויפען אַ מציאה'לע דהיינו? דאָלאַרען צו 4 זל. אָזשעמבלאָ, ווייסענדיג דעם קורס פון דאָלאַר, איז די מעשה אויסגעקומען פּערדעכטיג. דאָך האָט ער די לייט געגעבען 80 זל. און בעקומען 20 דאָלאַרען. ערשט שפּעטער האָט זיך דער חכם אַרומגעזעהען, אַז אַנשטאַט דאָלאַ־רען, האָט ער בעקומען אַלטע 200 מאַרק־שטיקען, וואָס זענען גוט אויף קאַרמעלקע־פּאַפּירלעך..

פּאָליציי זוכט די „דאָלאַרען־סוחרים“..

„עלעגאנטע“ גנבים

נישט געלונגענער איינבּרוך

(אָ) נעכטען פריה, האָבען זיך דריי פערשוינען עלעגאַנט געקליידעטע מיט טעקעס אין די הענד אַריינגעריסען אין דער וואוינונג פון שמואל קויפ־מאַן. ווען זיי האָבען שוין געהאַט אַלץ פערפּאַקט, זענען זיי איבערגעשראָקען געוואָרען פון סטרוזש האָבען אַלץ איבערגעלאָזט און געגאַנגען פּליטה, איינעם איז געלונגען צו כאַפּען.

קלאנג־קינא־טעאטער

ZACHĘTA

זגערזשער 26.

היינט און פאלגענדע טעג!

גרויסער פילם א. נ.

„לאכעדיגע אויגען“

אין די הויפּט־ראָלען:

Shirley Temple

— II —

דער צעהנטער גאַליבטער

אין דער הויפּט־ראָלע:

Anna Ondra.

אָנהויב 4 נאָכמ. שבת און זונטאָג 12 בייטאָג.

[...]ן - פערגיטיגונג פאַר עדות
[...] דאָס יוסטיץ־מיניסטעריום קלערט אויף, אַז [...]טשעדיגונג פאַר די געמאַכטע הוצאות דאַרף [...] דעמען נאָר אַזאַ עדות, וועלכער וואוינט אויף [...]אַבעסח נישט ווייניגער, ווי 25 קילאָמעטער פון אָרט, [...]ין ער איז גערופען געוואָרען עדות זאָגען.
דער דאָזיגער כלל קען אָבער נישט האָבען קיין [...]ן בעווענדונג אין די פאַלען, ווען ס'האַנדעלט זיך [...]עקן אַנ'ענטשעדיגונג פאַר'ן פערלוירענעם אַר־[...]הפקה־טאָג דורך די יעניגע עדות, וועלכע לעבען [...]סקה־טאָג־פערדינסט, זיי זענען בערעכטיגט אויף [...] ענטשעדיגונג, אומאָפּהענגיג ווי ווייט ס'איז [...]איצ שטח פון זייער וואוין־אָרט ביז'ן געריכט.
[...]עשר קויציעס
[...]איך לויט אַנ'אויפקלערונג פון פינאַנץ־מיניסטעריום [...]עין די אָבליגאַציעס פון דער 3־פּראָצענטיגער [...]ילעמירטער אינוועסטיציע־הלוואה אָנערקענט פאַר [...]יינפּאַרע פּאַפּירען, און ממילא קאָן מען מיט זיי [...]מה אלערליי צוילע און מיליטערישע קויציעס [...] דער פּראָפּאָרציע: 65 פאַר יעדע נאָרמאַלע [...] גילדען.
[...]אַפּלייגען איבונגען
אויב אַ רעזערוויסט וויל בעקומען אַנ'אָפּלייג [...] די מיליטער־איבונגען, מוז ער דערלאַנגען אַ [...]ה און צולייגען דאָקומענטען, וועלכע זאָלען [...]עכטיגען די פעררופענע מאָטיוען. ביזאַהער [...]ס זיך אַזוי געפיהרט, אַז ווען מ'האָט צו [...]שה נישט בייגעלייגט די געהעריגע בעווייזען, [...]א מען די בקשה צוריקגעשיקט.
איצט מאַכט אויפמערקזאַם דאָס מיניסטעריום [...]ר מיליטער־ענינים, אַז אַזאַ בקשה טאָר נישט [...]ריקגעשיקט ווערען דעם פּעטענט, נאָר זי מוז [...]ערגעשיקט ווערען דער סטאַראָסטווע, וועלכע [...]מט אָן ווענן אַזעלכע ענינים אַ געהעריגע דעציזיע.
[...] צוריק דאָקומענטען
[...]אין לעצטען צירקולאַר ווייזט אָן דאָס פינאַנץ־[...]ניסטעריום ווי אַזוי צו האַנדלען, ווען אַ פּעטענט [...]דערט צוריק געוויסע דאָקומענטען, וועלכע זע־[...]ן צוגעלייגט צו די אַדמיניסטראַטיווע אַקטען.
אַלזאָ קיין מעטריקעס, מאַראַל־צייגנישען, אָרימ[...]ט־צייגנישען און היפּאָטעק־אויסצוגען, דאַרפען [...]שט צוריקגעגעבען ווערען, סיידען זיי שטאַמען [...]ן [...]ויסלאַנד און צו שאַפען זיך אַנדערע איז [...]רבינדען מיט גרויסע קאָסטען.
דאַגעגען קאָנען יאָ אַרויסגעגעבען ווערען שול־[...]יגנישען, בירגער־פּאַפּירען, מיליטערישע דאָקו־[...]נטען.
יעדענפאַלס מעג מען זיך אויף אַזעלכע ביי־[...]לייגטע דאָקומענטען צו איין ענין, פערוּפען

[...]וזיקאלישע נאָטיצען

אלעקסאנדער קיפּניס

א קונסט־יום טוב נישט נאָר פאַר „מבינים“, [...]א קונסט־יום טוב פאַר אַלעמען, ווער עס האָט נאָר [...]געהאַט די זכיה און דאָס גליק צו הערען דעם אמת'ן [...]וואָקאַל־קינסטלער. מיר זעצען דעם „טראָפּ“ אויפ'ן [...]וואָרט קינסטלער, ווייל א. קיפּניס איז דער אמת, [...]עכטער קינסטלער אין שענסטען זין פון וואָרט.
ער, דער גרויסער קינסטלער האָט אַלעמען אַי־[...]בערצייגט, אַז אַ שעהנע שטימע, וואָס ווערט רעגירט [...]און דיקטירט פון אַזאַ קינסטלעריש „פילבאַרע“ — [...]נשמה ווי די פון א. קיפּניס, — איז דער שענסטער [...]אינסטרומענט פון אַלע מוזיקאַלישע אינסטרומענטען [...]אין דער וועלט.
נעמט למשל דעם עדעלסטען אינסטרומענט, [...]וואָס רעדט אַזוי צום האַרצען — די פידעל. [...]זי וועקט געפיהלען. זי צערטעלט דעם פיין־געפיהל, שמאַק, זי וויגט איין צו זיס־אַנגענעהמע חלומות. קורץ, זי פערשאַפט דעם נחת־רוח. יועמענס צאַרטער קלאַנג און יוויברירענדער טאָן, אונטער מייסטער־פינגער, איז אימשטאַנד און מוז פערשאַפען, אָבער נישט אויף לאַנג, נישט אויף אַזוי לאַנג אַז איהר זאָלט זיך נישט קענען בעפרייען פון אַזאַ איינדרוק חוש אין די אויערען, נאָר אין אַלע חושים. אָבער יואס פערפאָלגט און קלינגט נישט נאָר אין איין די גרויסע קונסט פון א. קיפּניס, ווירקט אויף אַלע חושים, און אַלע חושים רופט אַרויס דער גרויסער איינדרוק פון עפּעס אַנ'אויסהייליגקייט און אַנ'אויפ־טרייסלונג פון געפיהלען און שטימונגען אַזוי, אַז מען מוז ווי אין חלום מורמלען אַזוי, „דאָס הער איך און פיהל צום ערשטען מאָל“...

יאָ! צום ערשטען מאָל פיהלט מען און מען הערט די גרויסע וואָקאַל־קונסט, נאָר, ווען אַזאַ גאָט־געבענשטער פילדייטיגער קינסטלער — ווען א. קיפּניס זינגט...

פילזייטיג, גרויס־הערליכע באַס־קאַנטאַנטאַ שטימע, פּרעכטיגע פראַזירונג, דייטליך שעה־נע דיקציע, נאַטירליכע פון איבערליך טיפען אַריינדרינגענדיגע מימיק, וואָס זענען די ריהרענד שענסטע שטריכען פון פאַר־ און דאַר שטע־קונסט, האַרציגע האַלב־שטימע געזאַנג (מעצאַ־וואָטשא) וואָס איז אַזוי לויטער און אַריינדרינגענדיג אין דער נשמה, רוהיגע האַלטונג און נאָר זעלטען, ווען דער קינסטלער ווערט מיטגעריסען פון זיין אייגענע קונסט — דאָס זעגען נאָר קנאַפּע... מיטלען, קונסט, וועלכע מ'קען קיינמאָל נישט פערגעסען.. מיט וועלכע דער קינסטלער שאַפט אַזאַ גרויסע

זיין פּראָגראַם: ווערדי, גונאָ, שוּבערט, מוּ־סאָרסקי, דאָס איז אַלץ פּערל אין דער אימפּרעטאַצ ע פון אַזאַ מייסטער־זינגער. און ווען דאָס איז גע וג פאַר אַ אונפערגעסליכער ווירקונג, בעווייזט זיך דער קינסטלער נאָך אין די אַלטע שוין כמעט פערגעסענע רוסישע פאָלקס לידער און איבערשאַפט זיין אַזוי ניי און פריש, אַז מען קען נישט אָהן אַ איגערליכע בע־גייסטערונג און ענטוזיאַזם דאָס הערען, פערגלייכען דעם גרויסען מייסטער מיט גרויסע שטימען ווי: קאַרוזאָ, טראַטשיאַרי, סיבּיריאַקאָוו, מיט בעל־קאַנטאַ געזאַנג ווי וויטאַריאַ אייבענבערג, קאַמיאַנסקי א. א. וועט נאָך אַלץ קיפּניס שטעהען ווי אַנ'עמוד אש איינציג אַליין אין איצטיגען צייט אַלטער.

Г—ski.

צו די געשעהענישען אין א"י

א פערזאמלונג אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע

מארגען מיטוואך 9 אווענד קומט פאר אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, שרודמיעסקא 29, א פערזאמלונג געווידמעט די געשעהענישען אין ארץ-ישראל.

עס וועלען רעדען :: ד"ר ראזענבלאט, רעד. י. אוגער, משה לימאן, אדוו. ז. שטרויך.

אפטייקען.

היינטיגע נאכט - דיזשורנע

(א) היינט פיינאכט דיזשורירען פאלגענדע אפטייקען : ס. קאן, פלאץ קאשטשעלני 8; א. כארעמזא, פאמארסקא 12, ס. וואגנער, פעטריקאווער 67; זאיאנטשקעוויטש, זשערא מסקיעגא 37; ז. גארטשיצקי, פושעיאור 59; מ. עפשטיין, פעטריקאווער 225; ז. שימאנסקי, פשעגדזעלניאנא 75.

פאבריק-שרפה

(א) נעכטען איז אין דער פאבריק פון דער פירמע וו. זבאר און שותף (וואָלטשאנסקא 66) אויסגעבראכען א שרפה. די פייערלעשער האבען די שרפה איינגעלאשען.

צובראכען א פוס

(א) אויף פאלודניאווא 22 האט זיך די 22-יעהריגע מרים עפשטיין (פאלודניאווא 30) אויסגעגליטשט און צעבראכען א פוס. פאגאטאוויע האט זי אפגעפיהרט אהיים.

גנבות

(א) אין דער וואוינונג פון מאריא זימאן (לימאנאווסקיעגא 86), האבען גנבים צוגענומען פערשידענע ווערט-זאכען אין דער ווערט פון 350 זל.

פראטעסט-פערזאמלונג אין „התאחדות"

זונטאג אווענד, איז אין אייגענעם לאקאל פארגעקומען א פראטעסט-מיטינג אין צוזאמענהאנג מיט די געשעהענישען אין ארץ-ישראל, איינגעארדענט דורך די ציוניסטיש - סאציאליסטישע ארבייטס - פארטיי „התאחדות".

אין נאמען פונם ועד עפענט דעם מיטינג ה' גרשון ליכטענשטיין.

ד"ר ח. בערלאס האלט אן אינהאלטסרייכע רעדע, אין וועלכער ער רעדט ארום אויספיהרליך די פערשידענע עטאפען אין אויפבוי-ווערק אין ארץ-ישראל, פערגלייכענדיג די איצטיגע געשעהענישען מיט די געשעהענישען פון 1929, קומט דער רעדנער צום אויספיהר, אז נאר א דאנק דעם, וואס דער ישוב אין א"י איז אויסגעוואקסען אין א מעכטיגען פאקטאר, איז דאסמאל נישט געקומען צו קאטאסטראפאלע פאלגען, און דער בעסטער בעווייז איז דער ישוב וועט לייכט איבערווינדען די געשעהענישען, איז דער פאקט, וואס פון ארץ-ישראל פערלאנגט מען נישט קיין מיטהילפס - אקציעס. אלץ וואס דער ישוב פאדערט איז: פערשטארקען די ציוניסטישע פאנדען, די געזאמעלטע געלדער פארן קרן קימת און קרן-היסוד זענען דער בעסטער ענטפער אויף די אטענטאטען אויפן ישוב. דער פאראל פון פוילישען יודענטום איז: וואס מעהר באדען פארן קאלאניזאציע ווערק, וואס מעהר חלוצים.

צום סוף איז אנגענומען געווארען די רעזאלוציע: די פערזאמעלטע אין „התאחדות" דערקלערען פייערליך, ווייטער פארטצוזעצען מיט מעהר ענערגיע די שעפערישע ארבייט פארן א"י-אויפבוי. דאס אומשולדיגע בלוט פון אונזערע קדושים, וועט נאך שטארקער צעמענטירען און מאביליזירען אלע טיילען פון יודישען פאלק בכלל און די ציוניסטישע חלוציש מחנה בפרט —

די פערזאמעלטע ערקלערען פייערליך, זיך ענגער צו שליסען ארום די מחנה פון ארבייטענדען א"י, פאר דער פולער נאציאנאלער און סאציאלער בעפרייאונג פון יודישען פאלק.

די פערזאמעלטע פערזיכערען, זייער הילף און מיטהיים דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און דער הסתדרות און דער ארבייט ביים שאפען דאס ארבייטענדע א"י. די פערזאמלונג פאדערט אויף דאס וועלט-יודענטום זיך ענטקעגענצושטעלען די בעגרענצונגען פון דער עליה, און פאדערן א פרייע חלוציש עליה קיין ארץ-ישראל.

פראטעסט-טאג אין אלעקסאנדער

צוליב די געשעהענישען אין ארץ-ישראל

אלעקסאנדער (טעלעפאניש)

זונטאג ד. 26-טען ד. ח. איז אין זאל פון דער קהלה פארגעקומען א פראטעסט - פערזאמלונג פון אלע ציוניסטישע פארטייען און „אגודה" געגען די אראבישע אנפאלען אויף יודען אין ארץ-ישראל.

ס'איז בעשלאסען געווארען צו בעשטימען אויף דעם קומענדיגען מיטוואך א פראטעסט - טאג 4 נאכמ. וועלען זיך אלס צייכען פון פראטעסט אפשטעלען אלע יודישע פאבריקען און ווארשטאטען. 5 נאכמ. וועט אין דער שוהל פארקומען א הזכרה נאך די קדושים. ס'וועט אויך אדורכגעפיהרט ווערען א זאמעלאקציע פאר די געליטענע.

אויך די לינע פארן ארבייטענדען א"י האט בעשלאסען זיך צו בעטייליגען אין דעם פראטעסט-טאג.

ל. ה.

טעאטער, מוזיק און פערוויילונג (קאמוניקאטען)

ערפאלג פון „סינג - סינג" אין פילהארמאניע

„סינג-סינג" איז א פיעסע מיט אן אינטערעסאנטען אינהאלט. עס ווערט געשילדערט דער גורל פון גאסען קינד מיט אלע זיינע פאלגען.

דערביי איז אין דער פיעסע פארהאן הומאר, וויץ, סאטירע, געזאנג און טענץ.

דער אנסאמבל איז א צוגעקליבענער, פרעכטיגע קאראציעס און ארקעסטער.

פרייזען פאפולערע.

פון פוילישען טעאטער

היינט 7.30 ווערט געשפילט די קאמעדיע „מאטורא"

ראדיא-פראגראם

דינסטאג, דעם 28-טען אפריל

6.30 גימנאסטיק, 6.50 מוזיק (פליטען), 7.20 ידיעות, 7.30 פראגראם, ידיעות, 7.40 פליטען, 8 אוידיציע פאר שולען, 11.57 צייט-סיגנאל, 12.03 ידיעות, 1215 אוידיציע פאר שולען, 12.30 מוזיק פון דער פארגאנגענהייט (פליטען), 1.10 א מינוט אין דער הויזווירטשאפט, 1.15 פונם ארבייטס - מארק, 1.30 ליבע און פריהלינג (פליטען), 2.15 עקספארט-ידיעות, 3.30 לידער, 4 פ.ק.א.-קעסטעל, 4.15 קאנצערט - וואלצען (פליטען פון ווארשא), 4.45 גאנץ פוילען זינגט, 5 פוילענרייכטימער (פארלעזונג), 5.15 אפערעטען - מוזיק, 5.30 א שמועס, 6.40 וועגען אלעם צו ביסלעך, 6.45 מוזיק (פליטען), 7.10 פראגראם אויף מארגען, 7.20 רעקלאמע-קאנצערט, 7.35 ספארט-ידיעות, 7.45 אקטועלער שמועס, 8 פעליעטאן, 8.20 סימפאנישער קאנצערט פון דער לאדזער פילהארמאניע „משיח" אראטאריום פון הענדעל, בעת דער פויזע 8.50 — אווענד-ידיעות, 10.30 מוזיק (פליטען), 10.45 לאדזער ליטערארישע מינוטען, 11 טאנץ-מוזיק.

Dr. med.

Sadokierski

כירורג פון ציינער און יאסלעס

Piotrkowska 164 tel 114-20.

היינט און פאלג. טעג! JEAN GRAWFORD אין הערליכען פילם א.

„ס'האט זיך אנגעהויבן פון א קוש"

אויספערדעם: קלאנג-צוגאבען. אנהויב 4 א זייגער נאכמיטאג, שבת און זונטאג 12 א זייגער בייטאג.

קלאנג-קינא CAPITOL זאוואדזקא 16

Ogłoszenie.

Zarząd Miejski w Łodzi – Wydział Gospodarczy – poszukuje w śródmieściu na miejską szkołę pracy nieruchomości, składającej się z budynku o powierzchni użytkowej około 1000 mtr. oraz obszernego boiska.

Właściciele nieruchomości, posiadającego tego rodzaju objekty proszeni są o składanie ofert z planami do biura Wydziału Gospodarczego przy ul. Zawadzkiej Nr. 11, III piętro, pokój Nr. 53, w terminie do dnia 15 maja 1936 r.

Łódź, dnia 27 kwietnia 1936 r.

ZARZĄD MIEJSKI w ŁODZI.

פיליג רעעל פינקטליך

לעזט !!!! אויפמערקזאם

עס איז שוין אריין אין קראפט די נייע פרייזען פאר דרוק-ארבייט אין דער בעקאנטער און לאדז און אומגעגנד שנעל-דרוקעריי בראמבערג לאדז, צעגעלניאנא 8 טעל. 255-09 וועלכע האט זיך שוין בעריהמט געמאכט מיט די שעהנע אויספיהרונג און עסטעטישען צוזאמענשטעל

קריינע אנאנסען!

1 זלאטי אנ'אנאנאס ביז 15 ווערטער 1 זלאטי

לאנגיעהריגער ליטער פון א דיירעקטאר פאבריק אויך בעקאנט מיט אלערליי שריפטליכע ארבייט, זוכט א פאסטען פאר קליינעם געהאלט. בעזיך ערשטקלאסיגע רעפערענצען: אפערטען פאר „ליטער" אפצוגעבען אין דער אדמ. פון „נ. פ."

צו פערקויפען א רענדער-מאשין הענטשקעס מיט צוויי פאדעם-פיהרער, זייפערט דאנעס אין גוטען צושטאנד, וו. אויך הענטשקע-פערים אלע גרויסען. צו ערפארען ביי ווארשאווסקי, טרגאווא 39

א פרוי א פליכטלינג פון פראנקרייך זוכט בעשעפטיגונג צו קינדער, ס'קען אויך זיין צו הויז-ארבייט. בעזיך איינגע שפראכען. אפערטען אונטער „פליכטלינג" אין אדמיניסטראציע.

Zakład fryzjerski damsko-męski w mieście w dobrym punkcie z powodu wyjazdu do sprzedania. Wiadomość: tel. 177-53.

Zaginiony został kwit kaucyjny z Elektrowni Łódzkiej na zł. 10.– z dn. 27/7–32 r. na imię Icka Lewkowicza.

וויכטיג פאר פאבריקאנטען! און האנדווערקער שוויסונגען, מאשינען-טיילען און רעפעראטורען פיהרט אויס ביליג די מעכאנישע שלאסעריי י. רעדער 11 ליפטאפאדרא 11/13 (רוג זאכאדניא)

פרייע פאסטענס

א קעכין מיט רעפערענצען קען זיך מעלדען אין רעסטאראן פיעטריק. 317, „באר לודאווי".

ס'איז נויטיג פון זאפארט א דאמען- און הערען-פריזיער אדער פריזירקע און מאניקורשיסטקע אויף ארויסצופאהרען. מעלדען זיך ביי ראדאשיצקי, פאלודניאווא נומער 16.

ס'ווערט געברויכט א יונגערמאן א פאכמאן אין דער אייזען-בראנזשע מיט א שעהנע האנדשריפט ביי יאקובאוויטש, זגערזשער גאס 40.

ראקאלען

בעקאנטמאכונג. דער וואלבארזשער רבי שליט"א פון אלוי 1 מאי 35, וואס האט געוואוינט אין ווישניאווע-גורע אין יאניצקי'ס ווילע, האט געדינגען דיזעלבע וואוינונג ביי יאניצקי, נעבען ווילע שער און קאך. הגבאים.

אכטונג. איבערצוגעבען א געוועלב מיט א שטוב, האלב אויסרעמאנטירט אויף פילסודסקיעגא 21. צו ערפאהרען אויפ'ן ארט היינט א גאנצען טאג, און ווייטער ביי זוויקעלסקא, קילינסקיעגא 7.

פערשידענעס

א שאפער, א מאנטער, אן אגראדניק זוכט א שטענדיגען פאסטען. (פערהייראט) צו ערפאהרען גדאנסקא 148

S. Baranowski. 4655

METKAL 700 -1000 mtr., 70 cm. szer. kupię natychmiast za gotówkę. Oferty z wzorem sub.: „Surówka" do F u c h s a, Piotrkowska 87.

וויכטיג פאר לאדז און פראווינץ קאמיסיאנס-לאגער פון פערשידענע מארען

מעבעל

נייע און גענוצטע, ווי אויך היגיענישע. מאטמאצן, קאזעטקעס, מאטראצן אין דער פיינסטער אויספיהרונג, בעקומט איהר צו די ביליגסטע פרייזען נור ביי

א. ווייצמאן, שענקיעוויטשא 6, טעל. 191-00.

בעם.: איך קויף אויך פערשידען גענוצט מעבעל, דיוואנען, נייע-מאשינען, שרייב-מאשינען, פעלצען א.ז.וו.

שיי מרען ביי קערש סקווערצאווא 15 מיט פאריזער שריינדן פערטיגע שייטלען

לעצטשניצע

פאר וועגעריש-קראנקע מענער - שוועכע און הויט-קראנקהייטען פון דאקטוירים ספעציאליסטען

פיעטריקאווער 45

טעטיג פון 9 פריה ביז 9 אווענד. פרויען און קינדער נעמט אן א פרוי-דאקטאר פון 11-1 און פון 5-7 אווענד. א בעראטונג 3 זל.

Dr. E. Ekkert

ספעציאליסט פאר וועגערישע און הויט-קראנקהייטען

וואוינט יעצט אויף

Pierackiego 5

(וואנגעליצקא)

נעמט אן פון 12-1 און פון 5.30-8 אוו.

הילף און רפואה פאר ברוך-קראנקע

(רופטורען) אויף בויוינקעל, נופעל ביי מענער, פרויען און קינדער, אויך פאר פערהרימונגען פון רומענביין (הויקערס), פיס, שיפע פלייצעס און שמערצהאפטע פלאטפיס, דאס ליידען איז נישט צו פערנאכלעסיגען, ווייל די פאלגען זענען פאר'ן לעבען ביטער און געפעהרליך. דורך מיין מעטאדע ערפונדענע ספעציעלע גומי-הייל-באנדאזשען, וועלכע האלטען צו די גרעסטע פערנאכלעסיגטע געפערליכע ברוכען און בעזייטיגען ראדיקאל מיט גאראנטיע אהן בלוטיגע אפעראציע. מיין ספעציאליטעט איז אויך: הייל-אפאראטען און גארסעטען געגען אלערליי פערקריפלונגען, פערקרימטע פלייצעס, פוס, הויקערס ווי אויך שמערצענדע פלאט-פיס. פאר צמפומירטע אינוואלידען אמעריקאנישע קונסט-פיס (סאלאן-ארבייט).

ביים ערפאלאזען זיך פון מאגען, קישקעס און געבירט-מוטער, עמפפעהל איך ספעציעלע הייל-באנדאזשען לויט דעם סיסטעם פון פראפ. ד"ר גלענארד דער אמת'ער בעריהמטער אין גאנץ פוילען פון אוניווערזיטעטס-פראפעסארען אנערקענט

ספעציאליסט Ortoped NATAN RAPAPORT

מיט 30-יעהריגער פראקטיק אין ווין, דייטשלאנד און לעמבערג, נעמט אן פון 9 פריה ביז 1 בייטאג און פון 3 ביז 7 אווענד

אין לאדז, פילסודסקיעגא № 23

פערזענליכעס ערשיינען פון קראנקע ביי מיר איז אונבעדינגט נויטיג.

Za wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i P. Wajntraub

Czcionkami i druk rotac. „Najer Folksblat", Piotrkowska 31.

Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman